STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04217

25 YOR POYALEY TSYEN VELT-FARBAND

Jacob Zerubavel

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

זרובאָוול

25 יאָר פּועלי ציון וועלט-פאַרבאַנד

האַקדאָמע

כאַוועך זרובאַוול׳ס בראַשור דערשיינט מיט אַ באַדייטנדיקער פאַרשפע־טיקונג. געזאָלט האָט זי אַרויסגיין צו דעם פינף און צוואַנציק יאָריקן יובֿילײַ פון דעם וועלט פאַרבאַנד לינקע פּועלי ציון (אַווגוסט, 1932), אָבער צוליב טעכנישע סיבעס האָבן מיר די אויסגאַבע געמוזט אָפּלייגן.

25 יאָר פּועלי ציון וועלט אָרגאַניזאַציע איז 25 יאָר געשיכטע פון דער אידישער אַרבעטער באַוועגונג. די פאַרגאַנגענע 25 יאָר זענען געווען די שטור־רעמדיקסטע אין דער מענטשלעכער געשיכטע. די וועלט האָט אַ נייעם פּנים באַקומען. אַלע לענדער בלוטיקן נאָך פון דער מערדערלעכסטער אימפּעריאַ־ליסטישער מלחמה אין דער געשיכטע. גאַנצע מעדינעס זענען כאָרעוו גע־וואָרן און נייע זײַנען אויפגעקומען. אויף אַ זעקסט כיילעק פון דער ערד ווייט צום ערשטן מאָל די רויטע פאָן פון פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור. שוין באַלד 4 יאָר אַז די קאַפּיטאַליסטישע ווירטשאַפט צאַפּלט זיך אין דעם טיפסטן קריזיס, וואָס זי האָט ווען געזען. פאַשיזם פאַרשפּרייט זיך איבער דער גאַנצער קאַ־פּיטאַליסטישער וועלט און לאָזט נאָך זיך אַ רויטן שליאַך פון אַרבעטער בלוט.

אין די פאַרגאַנגענע 25 יאָר איז דאָס אידיש לעבן צעטרייסלט געוואָרן ביז צו די סאַמע וואָרצלען. טיפע פאַרענדערונגען זענען פאָרגעקומען אין דער אידישער אַרבעטערשאַפט. יעדע פּאָליטישע געשעעניש אין דער אַרומיקער וועלט האָט געלאָזט אַ קאַנטיקן שפּור אויף דער אידישער גאַס. יעדע עקאָ־נאָמישע פּאַסירונג אין אַ לאַנד האָט זיך טיף איינגעשניטן אין דעם אידישן לעבן.

אין די אַלע וועלט איבערקערנדיקע געשעענישן, אין די אַלע היסטאָרישע קאַמפן האָבן פּועלי ציון גענומען אַן אַקטיוון אײַנטייל. אין דעם טאָג פון אַ יובֿילײַ וואַרפן מיר אַ בליק אויף צוריק, מיר ציילן אונזערע קאָרבאָנעס, מיר לערנען פון דער דערפאַרונג — און מיר גייען ווייטער. מיר מעסטן דעם אָפּגעגאַנגענעם וועג, קעדיי צו וויסן, ווי ווייט מיר זענען נאָך פון דעם ענד־גילטיקן ציל. מיר זענען שטאָלץ מיט אונזערע ביז־איצטיקע דערגרייכונגען, אָבער מיר גרייטן זיך פאַר ווייטערע קאַמפן.

כאַוועך זרובאַוול׳ס בראַשור איז ניט קיין פולע געשיכטע פון דער פּועלי ציון באַוועגונג. ניט אין איין בראַשור און ניט אין איין בוך קאָן דאָס געגעבן ווערן. די בראַשור גיט נאָר אין די אַלגעמיינסטע שטריכן דעם טעאָרעטישן

ביטראג פון באראכאוויסטישן פויאליי ציעניזם צו דער אידישער און אלגע־מיינער ארבעטער באוועגונג און דעם קאמף־וועג פון דער פויאליי ציען וועלט־ארגאניזאציע. אבער שוין פון די אלגעמיינע שטריכן איז צו זען, אז דער ביטראג איז געווען א וואגיקער און דער וועג — א שווערער, אבער זיכערער.

די בראשור שטעלט זיך ניט אפ אויף באזונדערע לענדער; זי גיט דעם קאמף פון אידישן פראלעטאריאט אין דעם פארגאנגענעם פערטל יארהונדערט אין וועלט פארנעם. אונזער צוועק איז, זי צו דערגאנצן מיט א צווייטער בראשור וועגן דער ראל פון פואליי ציען אין אמעריקע. אזא בראשור וועט זיין וויכטיק און צייטלעך, ווייל אין אמעריקע ווערן ערשט איצט אנגערייפט די פראבלעמען, וואס קעדיי זיי צו לייזן, איז די פויאליי ציען באוועגונג אנטשטאנען.

עס איז געווען די טראגעדיע פון דער אידישער ארבעטער באוועגונג אין אמעריקע, וואס זי האט געשעפט איר קאמף־פאטאס ניט פון דער אמעריקאנער ווירקלעכקייט, נאר פון דער רעוואלוציאנערער טראדיציע אויף דער אנדערער זייט יאם. דאס האט איר געשטערט צו זען די אייגנארטיקע ראל, וואס זי האט צו שפילן דא אין לאנד. זי איז דא ניט געווארן קיין זעלבסטשטענדיקער פאלי־טישער קויעד — האט זי דערפאר געמוזט ארונטערפאלן אונטער דעם איינ־פלוס פון דער רעאקציאנערער ארבעטער באוועגונג, וואס האט זיך דא געפור־נעט. אין קיין שום לאנד אין דער וועלט איז ניט אזוי קלאר געווארן דער שריי־ענדיקער קאנטראסט צווישן דער פאליטישער רייפקייט און קלאסן־באוואוסט־זיניקייט פון דער אידישער ארבעטערשאפט און איר מעגלעכקייט צו געבן א קאמף־אויסדרוק צו אט דער רייפקייט און באוואוסטזיניקייט, ווי גראדע אין אמעריקע.

האט זיך בונדיזם פארוואנדלט אין אמעריקע אין העסלעכן און שענדלעכן „פארווערטסיזם." זענען די אידישע יוניאנס, וועלכע האבן אנגעהויבן אלס קלאסנקעמפערישע ארגאניזאציעס, געווארן נעסטן פון גיינגסטעריזם, ראקע־טיריזם און ביוראקראטיע. האבן די רעכטע פויאליי־צעירי ציען ארא‏פגעווארפן פון זיך דאס לעצטע סאציאליסטישע פייגנבלעטל און זיך אפן ארויסגעשטעלט ווי באלעבאטישע ציעניסטן, וועלכע כאלעמען וועגן א נייעם באל שעם און זענען „שעפערישע קויכעס" אין „מיזראכי."

דער יעווסעקיזם איז געקומען שפעטער. ער האט פארשפראכן אפצור־רייניקן די אידישע ארבעטער גאס פון דעם שימל, וואס האט זיך אויף איר אנ־געקליבן. ער האט דעם פארשפרעכן ניט געהאלטן—און ניט געקאנט האלטן—ווייל ער איז געקומען מיט לײדיקע הענט. ניט האבנדיק קיין שום אידעאלאגישן באדן און קיין שאטן פון א היסטארישער פערספעקטיוו, האט ער געזוכט פארייניקן רעוואלוציאנערע לאזונגען מיט „פארווערטס"־מעטאדן, אקטאבער רעוואלוציע — מיט בונדישע היפאטעזן, פראלעטארישע דיקטאטור — מיט ס. ס.'שע

טעאריעס. באקומען האט זיך א אפארטוניסטישע היסטאריע, וואס פאראדירט אונטערן נאמען קאמוניזם.

דער סאכאקל איז א טרויעריקער. די אידישע ארבעטער באוועגונג איז איצט ניט שטארקער, נאר שוואכער ווי זי איז געווען מיט יארן צוריק. דער קריזיס האט אנגעמאכט א גרעסערן כורבן אויף דער אידישער ארבעטער גאס איידער אויף דער אלגעמיינער. עקאנאמיש איז די אידישע ארבעטערשאפט צוריקגעווארפן געווארן צו דער צייט פון דעם „סוועט שאפ." עס שאקלען זיך די פונדאמענטן, אויף וועלכע די אידישע ארבעטער באוועגונג איז אוועקגע־שטעלט געווארן.

עס איז אבער דא אן אויסוועג — דער אויסוועג פון פויאליי ציען : די פולשטענדיקע פארייניקונג פון אלע פראבלעמען פון אידישן ארבעטער לעבן אין איין קאמף־פראגראם. וואלט די אידישע ארבעטערשאפט פריער דערזען אט־דעם אויסוועג, וואלט א סאך צייט און רעוואלוציאנערע ענערגיע געשפארט גע־ווארן. איצט קאן מען מער ניטווארטן. די אין פייער און בלוט אויסגעפרופטע פויאליי־ציען־לאזונגען פארטרייבן דעם יאוש און מאכן לויז די קויכעס פון די אידישע ארבעטער מאסן אין זייער קאמף פאר פולער סאציאלער און נאציא־נאלער באפרייונג.

שטייגט דערפאר דער אינטערעס אין פויאליי ציען ליטעראטור. מיט דער היינטיקער בראשור מאכן מיר דעם אנהויב דעם דאזיקן אינטערעס צו באפרי־דיקן. מיר גלויבן, אז די בראשור וועט זיין א וויכטיקער גייסטיקער וואפן אין די הענט פון דעם קעמפנדיקן אידישן פראלעטאריאט.

צענטראל קאמיטעט אידישע ארבעטער פארטיי
(לינקע פויאליי ציען)

25 יאר פּויאַליי ציען וועלט־פאַרבאַנד

I

די באַוואוסטזיניקע אידישע ארבעטער אין דער גאַרער וועלט פייערן איצט דעם 25 יאַריקן יובּילֵיי פון דער ערשטער אלוועלטלעכער אידישער פּראַלעטאַרישער קאַמפּס־אַרגאַניזאַציע.

אין האַג (האָלאַנד) איז אין יאַר 1907 פאַרגעקומען די ערשטע קאַנפערענץ פון פּויאַליי ציעניסטישע אַרגאַניזאַציעס אין פאַרשידענע לענדער און דאַרט איז געלעגט געוואָרן דער יעסאָד פון דעם פּויאַליי ציעניסטישן וועלט פאַרבאַנד.

מען האָט שוין מיט אַ צייט פאַר דער קאַנפערענץ באַ די פּויאַליי ציען גערעדט שטאַרק וועגן דעם פּרינציפּ פון אַלוועלטלעכקייט אין שאַיכעס מיט דער אידן פראַגע; מען האָט אונטערגעשטראָכן דעם געדאַנק, אַז האַגאַם די אידישע מאַסן וואוינען אין פאַרשידענע לענדער און פירן דעריבער אין פלוג אַן אַנדער אַרט לעבן, פונדעסטוועגן שטעלן זיי מיט זיך פאַר איין איינהייטלעכן אַרגאַניזם, וועלכער האָט ענלעכע כאַראַקטער־שטריכן אומעטום, וואו זיינע טיילן זאָלן נישט זיין צעוואָרפן. פון דאַנען האָבן די פּויאַליי ציען פיאָנערן געדרונגען, אַז עס זענען פאַראַן געוויסע איקערדיקע קאַמפּס־אויפגאַבן, וועלכע מוזן זיין איינהייטלעכע פאַר דעם אידישן ארבעטער קלאַס אין דער גאַרער וועלט. אָבער די אַלע רייד וועגן אַלוועלטלעכקייט זענען געוועזן בלויז טעאָריע. מען האָט דיסקוטירט וועגן אַזאַ פּרינציפּ, זיך געכאַקרענט און געבליבן באַ אַבסטראַקטע געדאַנקען. ערשט אין האַג האָט אָט דער פּרינציפּ פון אַלוועלטלעכקייט פון אידישע ארבעטער אַנגענומען אַ קאַנקרעטע אַרגאַניזאַציאָנעלע פאָרם און דאָרט איז געשאַפן געוואָרן די איינהייטלעכע קאַמפּס־אַרגאַניזאַציע, וועלכע האָט געזאָלט אין דער פּראַקטיק פאַראיינהייטלעכן די האַנדלונגען און טאַטן פון די אידישע ארבעטער אין די פאַרשידנסטע לענדער פון דער וועלט.

דער פּרינציפּ פון אַלוועלטלעכקייט איז נישט געוועזן דער איינציקער מאָטיוו פאַר שאַפן אַ איינהייטלעכן וועלט־פאַרבאַנד. דער גרונט־שטיין פאַר דער אַרגאַניזאַציע איז געוועזן דער איינהייטלעכער צוגאַנג צו די סאָציאַל עקאָנאָמישע פּראָבּלעמען פון אידישן לעבן, די אויפפאַסונג פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע לעגאַבּע דעם ארבעטער קלאַס און אין צוזאַמענהאַנג דערמיט די פעסטשטעלונג פון דעם קאַמפּס־פּראָגראַם פאַרן אידישן פּראָלעטאַריאַט, נעמענדיק אין אַכט זיינע אייגנאַרטיקע נויטן און באַדערפנישן.

דער טראַפּ איז גלייך לעבאַטכילע געשטעלט געוואָרן אויף די נאַציאָנאַלע מאָמענטן אין דעם קלאַסן פּראָגראַם פון אידישן פּראָלעטאַריאַט. דער סאָציאַ־ליזם ביקלאַל איז בּאַ די פּויאַליי ציען אַנגענומען געוואָרן ווי אַ נאַטירלעכע זעלבּסטפאַרשטענדלעכקייט, וועלכע מען דאַרף גאָר נישט דערווייזן און בּאַ־גרינדן. עס זענען שוין געווען אין דער אידישער אַרבּעטערשאַפט און איני־טעליגענץ יענע בּאַוועגונגען, וועלכן האָבּן פּראָפּאַגאַנדירט דעם סאָציאַליסטישן געדאַנק אין דער אידישער סוויווע. זיי האָבּן אַפּעלירט צום אידישן פּראָלע־טאַריער ווייל ער איז דאָך אויך אַ פּראָלעטאַריער גלייך ווי יעדער אַרבּעטער פון אַנדערע פעלקער. זיי האָבּן נישט געזען דאָס אייגנאַרטיקע אין לעבּן פון אידישן פּראָלעטאַריער, איז די גאַנצע סאָציאַליסטישע טעאָריע פאַרן אידישן אַרבּעטער געווען נישט מער, ווי אַ שפּראַכלעכע איבּערזעצונג פון דער סאָציאַליסטישער טוירע בּאַ דעם אַרבּעטער קלאַס פון אַנדערע נאַציעס.

די פּויאַליי ציעניסטישע בּאַוועגונג איז געווען די יעניקע, וואָס האָט גע־לייגט דעם יעסאָד פאַר דער מאַרקסיסטישער פאַרשונג פון די אייגנאַרטיקע פּראָ־בּלעמען פון דער אידישער סוויווע; אַ דאַנק איר האָט דער סאָציאַליסטישער געדאַנק אַריינגעדרונגען אין אַלע ווינקעלעך פון דעם ספּעציפישן אידישן לעבּן, איינגעזאַפּט אין זיך אַלע זיינע אייגנטימלעכקייטן און בּאַוויזן צו געבּן דעם איינ־ציקן ענטפער אויף אַלע פאַרוויקלטע פראַגן און אין מעשעך פון דוירעס אַנ־גערייפטע נויטן פון דער אויפגייענדער אידישער פּראָלעטאַרישער ווירקלעכקייט.

אין וואָס זשע איז בּאַשטאַנען דער היסטאָרישער אויפטו פון דער פּויאַליי ציעניסטישער בּאַוועגונג, און ווי זעט ער אויס אין ליכט פון דער איצטיקער עפּאָכע?

II

פּויאַליי ציען האָבּן אויסגעלערנט דער אידישער אַרבּעטער־בּאַוועגונג צו טראַכטן וועגן פּראָבּלעמען. נישט נעמען פאַקטן, ווי זיי שטייען, נאָר אין זייער גאַנג, דערגרונטעווען זיך זייערע סיבּעס, אויסגעפינען זייער אָפּשטאַמונג און, לויט דעם, פעסטשטעלן זייער ווייטערדיקן לויף.

אויב אין דער אַלגעמיינער אַרבּעטער־גאַס האָט זיך שוין געהאַט איינגע־בּירגערט דער מאַרקסיסיזם, און ווער ס'האָט געוואָלט נעמען אַ שטעלונג צו גע־זעלשאַפטלעכע פראַגן, האָט זיך געמוזט ווענדן צו זייער עקאָנאָמישן אורשפּרונג, איז אָבּער דאָס אידישע פאַרשונגס־פעלד געווען אינגאַנצן פאַרוואָרלאָזט און פאַרמיסטיקט. די ערשטע פאַרטיי פון דער אידישער אַרבּעטערשאַפט, דער „בּונד", האָט זיך נישט געגעבּן די טירכע אַריינצובּליקן טיפער אין די דערשיי־נונגען פון אידישן לעבּן און פאַרשטיין פון וואַנען זיי נעמען זיך. ער האָט זיך בּאַנוצט מיט אַ שוין פאַרטיקן שאַבּלאָן, מיטן טראַפּארעט פון גאַנגבּאַרער סאָ־ציאַליסטישער אַגיטאַציע קעגן עקספּלואַטאַציע, קעגן פינצטערניש, קעגן פאַר־שקלאַפונג. ער האָט אַפילו נישט געפּרואווט צופּאַסן דעם שאַבּלאָן צום אידישן לעבּן, צו זיין ספּעציפישן כאַראַקטער און אייגנאַרטיקן פּאַרצעף. אין דעם בּאַ־שטייט דאָך דאָס שאַבּלאָנאַרטיקע, וואָס עס וויל נישט וויסן פון אייגנאַרטיקייטן, און אַלע יעוואָנים האָבּן בּיי אים איין פּאָנעם.

דער „בונד" האט געזען דאס ספעציפישע אין אידישן ארבעטער־לעבן בלויז אין זיין באזונדער שפראך. אין דעם „זשארגאן", וועלכער איז אבער נישט מער ווי א טעכניש מיטל ביים פארשפרייטן די אלגעמיינע סאציאליסטישע לערע. דער טעכנישער מאמענט איז, פארשטייט זיך, נישט דער דעצידירנדי־קער — דער „בונד" האט דעריבער נישט געזען קיין שום אייגנארטיקע פראב־לעמען אין אידישן לעבן, וואס דער פראלעטאריאט זאל זיי האבן צו לעזן.

פויאליי ציען האבן איינגעפירט דעם מארקסיסטישן מעטאד אין דער פאר־שונג פון אידישן לעבן. זיי זענען געווען די ערשטע, וואס האבן אנגעהויבן פארשן די אידישע סוויווע לויט א באשטימטן, מארקסיסטישן אויפן. דאס איז געווען א נייער צוגאנג צו פאקטן און דערשיינונגען, און צו יענער צייט האט דאס באדייט מאמעש א רעוואלוציע אין דעם וועלט־באנעם נישט נאר פון די אידישע מאסן, נאר אויך פון דער אידישער אינטעליגענץ, וועלכע האט זיך גע־פונען אונטער דער מעכטיקער השפעה פון אחד העם און זיין „גייסט"־פילאזאפיע.

די „אידישקייט" האט זיך עפעס נישט ארייננעפאסט אינם אנגענומענעם מאטעריאליסטישן געשיכטע־באנעם. ביי דער שוועל פון אידישן געטא האט מען זיך אויסגעטאן פון מאדערנע אייראפייאישע באגריפן און צוריק אנגעטאן די צעלעכערטע פאנטאפל פון אלטפרענקישע, רעליגיעזע אבסאלוטן. „אידיש־קייט" איז אן אייביקע סובסטאנץ, „נצח ישראל לא ישקר". דער איינ־ציקער מיטל, ווי צו באקעמפן אט די „אידישקייט", איז געווען: אויסצודרייען זיך מיטן רוקן צו אידישער ווירקלעכקייט, אנטלויפן פון איר, איבעררייסן מיט איר יעדע פארבינדונג. ס'איז געווען פעסט דאס געפיל, אז קוים בלייבט ווייטער עקזיסטירן די אידישע סוויווע, מוז זי בלייבן אלס אינטעגראלער טייל פון דער דריי־אייניקייט: גאט, אידיש פאלק און טוירע — ס'איז איינס, א גאנצע, אומצעטיילבארע איינהייט. ווער ס'נעמט אן איין טייל, מוז לאגישער־הייט אנערקענען אויך די אנדערע טיילן, דאס גאנצע.

סאציאליזם איז געווען אויף יענער זייט פון אידישן פאלק, מחוץ פון אי־דישער געשיכטע. ס'אז געווען די באגינען־צייט, ווען סאציאליזם האט בא־הערשט די מוחעס און הערצער, ווי א ווייטער כאלעם, ווי א צוקונפט־טרוים, וועלכער וועט פארווירקלעכט ווערן פאר קינדס קינדער און וועט שאפן איין פאלק פון דער גאנצער מענשהייט. געבוירן אין שוים פון אויפגייענדיקן קאפיטא־ליזם, גענערט פון אויפפלאקערנדיקן קאמף צווישן ארבעט און קאפיטאל, די צוויי מעכטיקע אנטיפאדן פון דער קאפיטאליסטישער עפאכע, האט דער יונגער סא־ציאליזם נישט געוואלט וויסן און הערן פון נאציאנאלע מאמענטן; ער האט איג־נארירט די סאציאלע קאנפליקטן צווישן שוין־עקזיסטירנדיקע פעלקער, אין וועל־כע ס'ווערן ארייננעצויגן אומגערן אויך די ארבעטער־מאסן, ווייל זיי קאנען נישט באשטימען זייער אייגנטלעכן קלאסן־אינטערעס אין דעם נאציאנאלן לעבן און לויט דעם פעסטשטעלן זייער באציאונג צו די סאציאלע קאמפן פון זייער „נאציאנאלער" בורזשואזיע.

III

דער פויאלײ־ציעניזם האט דער ערשטער געגעבן א מארקסיסטישע אויפפאסונג פונם נאציאנאלן פראבלעם. מארקס האט נישט באוויזן קלאר צו פארמולירן דעם מארקסיסטישן צוגאנג צו די דערשיינונגען פון נאציאנאלן כאראקטער. די ערשטע צייט איז דעריבער דער סאציאליזם אויפגעפאסט געווארן, ווי א קאסמאפאליטישע וועלט־אנשויאונג, וועלכע נעגירט און לייקנט דעם עצעם פאקט פון דער נאציע און דעם באדייט פון דער נאציאנאלער סוויווע פארן קלאסן־קאמף פון פראלעטאריאט. די סאציאליסטישע באוועגונג האט די ערשטע צייט געהאט צו טאן מיט דעם פראלעטאריאט פון מערהייטס־נאציעס, מיט דעם ארבעטער־קלאס פון טעריטאריאלע פעלקער, דער קאמף פארן סאציאליזם איז אין לעצטן סאכאקל דער קאמף פאר מאכט, וועלכע דער ארבעטער־קלאס קאן געווינען, ווען ער וועט געווינען די מאכט־פאזיציעס אין דער מעלוכע. פארן פראלעטאריער פון דער מעלוכעשער מערהייטס־נאציע זענען די באגריפן נאציע און מעלוכע צונויפגעפאלן, געווען איינס און דאסזעלבע. האט אים דער סאציאליזם גערופן צו קעמפן קעגן דער עקזיסטירנדיקער מעלוכע־ארדנונג, — האט עס געמיינט א קאמף קעגן זײַן בורזשואזיע, קעגן די הערשנדיקע קלאסן פון זיין פאלק. ער האט מיט זיי נישט געזוכט זיך צו פארשטענדיקן צוליבן אינערלעכן קאמף. דא זענען זיי געשטאנען אין פולער באוואפנונג איינער קעגן צווייטן: קלאס קעגן קלאס. איז נישט געווען קיין ארט און קיין פארשטענדניש פארן נאציאנאלן מאמענט אינם קלאסן־קאמף, ריכטיקער: פארן פראלעטארישן אינטערעס אין דער נאציאנאלער פראגע.

אט דעם בלויז אין דער סאציאליסטישער לערע האבן איינגיכן דערפילט די פראלעטאריער פון די מינדערהייטס־פעלקער. דאס פאלק איז געדריקט געווארן פון די הערשענדע מערהייטס־פעלקער, און פון דעם נאציאנאלן דרוק האבן געליטן אלע קלאסן פון דער אונטערדריקטער נאציע; אויך דער ארבעטער־קלאס. צוליבן געמיינזאמען נאציאנאלן דרוק האט זיך איין קלאס געטוליעט צום צווייטן און ס'האט זיך אויסגעבילדעט א געמיינזאמער נאציאנאלער פראנט, קעדיי אפצווערן די געמיינזאמע נאציאנאלע סאקאנע. האט זיך געשאפן אינם באוואוסטזיין פון דעם ארבעטער א קאנפליקט צווישן זיין נאציאנאלן אינטערעס, וועלכער האט אים דיקטירט נאציאנאלע אכדעס מיט זיין בורזשואזיע, און דעם קלאסן־אינטערעס, וועלכער האט פון אים געפאדערט צו שפאלטן די נאציע און פירן א קלאסן־קאמף מיט דערזעלבער בורזשואזיע.

די סאציאל־דעמאקראטיע האט אוועקגעקוקט פון אט דעם פראבלעם און א צייט לאנג נישט געגעבן קיין שום ענטפער דעם ארבעטער, וואס ער זאל טאן בענויגייע זיינע נאציאנאלע אינטערעסן. אל פי ראוו איז עס אבער פארשטאנען געווארן אזוי, אז דער ארבעטער דארף אין זיך דערשטיקן דאס נאציאנאלע געפיל, ווייל ס'איז נישט מער, ווי א רודימענט, אן איבערבלייבעניש פון דער אלטער פארגאנגענער געשיכטלעכער טקופע, ווען די נאציע האט נאך אלס גאנצע

איינהייט באַאיינפלוסט דאָס לעבן און די פּסיכיק פון יעדן מיטגליד אירן. איצט איז עס נישט עפּעס אַנדערש, ווי אַ מיטל ביי דער בורזשואַזיע צו פאַרטונקלען דאָס קלאַסן באַוואוסטזיין פון פּראָלעטאַריאַט און פאַנגען אים אין די נעצן פון נאַציאָנאַליסטישן שיגאָען, פון שאָוויניזם. דער סאָציאַליזם האָט נישט צו טאָן מיטן נאַציאָנאַליזם. זיי זיינען זיך דאָס סאַנים און דערקלערן איינער דעם צווייטן אַ קאַמף אויף לעבן און טויט.

סאָלזמאַן די נאַציאָנאַלע סאַקאַנע פון דרויסן איז נישט געווען גענוג שאַרף און צייטיק, האָט די אויבערהאַנט געהאַט דאָס סאָציאַליסטישע באַוואוסטזיין, וועלכעס האָט זיך געשפייזט פון טאָג-טעגלעכע צוזאַמענשטויסן אויפן אינער־לעכן פראָנט פון סאָציאַלע פאַרהעלטנישן, און דער קאָסמאָפּאָליטיזם האָט גע־בליט און געפירט די גרענדע אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג.

דער בראַד איז געקומען שפּעטער, ווען ס׳איז אויסגעבראָכן די וועלט־מילכאָמע און דאָס „פאַטערלאַנד" איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן אין געפאַר. מיליאָנען פּראָלעטאַריער, וועלכע זענען דערצויגן געוואָרן אין דער לערע, אַז זיי האָבן נישט קיין שום פאַטערלאַנד, האָבן פּלוצים דערפילט אַ מעכטיקן שטוים אין האַרצן און נישט געקענט ביישטיין דעם אור־אינסטינקט, וואָס האָט זיי דיק־טירט צו פאַרטיידיקן זייער נאַקעט לעבן, זייער פיזישע עקזיסטענץ; זיי האָבן זיך נישט געלערנט, ווי צו טאָן דאָס אַז דעם נאַציאָנאַלן פראָנט מיט דער איי־גענער בורזשואַזיע, — האָבן זיי זיך געוואָרפן אין אירע אָרעמס.

די איגנאָרירונג פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע איז אַז סאַפּעק געווען איינע פון די וויכטיקסטע הויפּט-סיבעס, פאַרוואָס דער צווייטער אינטערנאַציאָנאַל האָט געליטן אַזאַ שענדלעכע מאַפּאָלע אין יאָר 1914 און מיליאָנען סאָציאַליסטן זענען אַרויס מיט געווער אין האַנט איינער קעגן דעם צווייטן צו פאַרטיידיקן יעדערער זיין, פּלוצים פון פינצטערניש אויפגעטויכטן, פאַטערלאַנד.

אָבער שוין אין 1903—1904 האָבן פּויאַליי ציען דורך באַראָכאָוון אַוועק־געשטעלט אין דער גאַנצער דרינגלעכקייט און אין פולן פאַרנעם די נאַציאָנאַלע פראַגע פאַר דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. דער נאַציאָנאַליזם איז נישט קיין אויסטראַכטעניש פון דער בורזשואַזיע, נאָר אַ פּראָדוקט פון רעאַלע לעבנס-באַ־דינגונגען. פּונקט ווי די קאָנפליקטן צווישן דעם וואוקס פון די פּראָדוקטיווע קויכעס און דעם צושטאַנד פון די פּראָדוקציע-באַציאונגען בילדן דעם טאָד פונם סאָציאַלן פּראָבלעם און דעם סטימול צום קלאַסן־קאַמף, בילדן־אויס די קאָנפליקטן צווישן דעם וואוקס פון די זעלבע פּראָדוקטיווע קויכעס און דעם סכום פּראָדוקציע באַדינגונגען דעם טאָד פון נאַציאָנאַלן פּראָבלעם און דעם טרייב־מאָטיוו צום נאַציאָנאַלן קאַמף.

טריי דעם מאַרקסיסטישן מעטאָד, ווי צו אַנאַליזירן געזעלשאַפטלעכע דער־שיינונגען, דעקן־אויף די פּויאַליי־ציען דעם מאַטעריעלן אינהאַלט פון נאַציאָנאַלן

פראבלעם און אין שייכעם דערמיט דעם באזונדערן קלאסן־אינטערעס פון יעדן טייל פון פאלק צו דעם אויסערלעך איינהייטלעכן, בשותפעסדיקן, נאציאנאלן גורל. דער נאציאנאלער קאמף ווערט געפירט פאר מאטעריעלע ווערטן, פארן גאנצן סכום פראדוקציע־באדינגונגען, וועלכע ווערן צונויפגענומען און איינגע־שלאסן אין דעם הויפט־רעזערוואואר פונם נאציאנאלן פארמעגן — אין דער טעריטאריע. איז טאקי די שארף פונם נאציאנאלן קאמף געווענדעט צו דעם טעריטאריאלן באזיץ פון דער נאציע. אבער נישט נאר צו איר. אזוי ווי די קלאסן אין דער נאציע געפינען זיך אין א פארשיידענער, צווישן זיך קעגנזעצ־לעכער, שייכעס צו דער טעריטאריע און צו אלע אנדערע מאטעריעלע קיניאנים פון פאלק, וואקסן אויס ביי יעדן קלאס אנדערע, פארשידענע נאציאנאלע אינ־טערעסן.

די נאציאנאלע אינטערעסן פון פראלעטאריאט זענען די אינטערעסן פון זיין ארבעטס־פלאץ און זיין קאמפס־באזע, פונקט ווי די נאציאנאלע אינטערעסן פון די אגראריער און גרויס־בורזשואזיע זענען די אינטערעסן פון ערד־איינג־טום, פון רענטע, פאליטישער מאכט, און פון דער מיטעלער בורזשואזיע — די אינטערעסן פון געברויכס־מארק און ד. גל.

דער נאציאנאליזם פון פראלעטאריאט איז נישט אין סתירה צו זיינע קלאסן־אינטערעסן; אדרבא, ער ציט זיין יעניקע פון זיי און ווערט דורך זיי געקרעפ־טיקט. אומנארמאלע פראדוקציע־באדינגונגען פון דער נאציע פארשמעלערן דעם ארבעטס־פלאץ פון אירע ארבעטער־מאסן, שאפן די אילוזיע פון הארמאניע און סטימולירן אכדעס־געפילן ביי אלע אירע מיטגלידער, טעמפן אפ די קלאסן־קעגנזאצן און רופן זיך אפ שעדלעך אויף דער אנטוויקלונג פון קלאסן־קאמף.

מעמיילע ווייזט זיך ארויס אין דעם קאמף פאר נאציאנאלער פרייהייט די קלאסן־סטרוקטור פון דער נאציע: יעדער קלאס שטעלט זיך אנדערע צילן, לויט זיין קלאסן־לאגע און קלאסן־אינטערעס. איז שוין דערפון קלאר, אז אויך דער וועג צו דער נאציאנאלער פרייהייט איז ביי יעדן קלאס אן אנדערער, זיינער, אן אייגענער קלאסן־וועג.

די פויאליי ציון האבן די ערשטע אין דער אלגעמיינער סאציאליסטישער באוועגונג געשטעלט מארקסיסטיש דאס נאציאנאלע פראבלעם און געגעבן אויף אים א מארקסיסטישן ענטפער.

IV

די איינציקע ריכטיקע מארקסיסטישע אויפפאסונג פון דער נאציאנאלער פראגע בעקלאל האבן די פויאליי ציון אנגעווענדעט אויך בענוגייע דער אידן־פראגע.

נישטא קיין אידן־פראגע סתאם, וועלכע איז איינגעוויקלט אין שוימעס פון מיסטיק, און פון וועלכער מען קאן פאטער ווערן דורך געלונגענע סאציאליסטי־שע שפרוכן. סאיז נישט די פראגע פון סתאם פלאגן און פוראניעסן, וועלכע שיטן זיך אן אויפהער אויף אידישע קעפ פון דעם אנטיסעמיטישן ארבל פון

הערשענדיקן רעזשים. די איינגנארטיקע אידישע לאגע איז א פראדוקט פון געשיכטלעכער אנטוויקלונג, און איר כאראקטעריסטישער שטריך איז די ספעציפיש עקאנאמישע סטרוקטור. דער אומגעזונטער פראפעסיאנעלער צוזאמענשטעל פון דער אידישער מאסע: די אפגעריסנקייט פון דער אורפראדוקציע, פון דער גרויס־אינדוסטריע, דער צו־גרויסער פראצענט פונם האנדלס־עלעמענט און די מאמעש פארפלייצנדיקע כוואליע פון אומפראדוקטיווע, פאראזיטישע שיכטן אין דעם אידישן פאלק. דאס אלץ איז טאקי א רעזולטאט פון ביזאהעריקער אנטוויקלונג אלס עקסטעריטאריאלע מינדערהייט; אין דער זעלבער צייט איז עס אויך גווירעם צו אלע ווייטערדיקע אומנארמאלע דערשיינונגען אין דעם לעבן פון די אידישע מאסן, צו אפטער ארבעטסלאזיקייט, צו עמיגראציע א. ד׳ גל.

פויאליי ציען האבן מארקסיסטיש אויפגענומען דאס אידישע פראבלעם, ווי א סאציאל־עקאנאמיש פראבלעם און האבן זיך גלייך פון אנהויב געשטעלט פעסט אויפן באדן פון דערווירקלעכקייט. אוואדע עקזיסטירט א אידיש פאלק און דער אידישער ארבעטער קאן זיך נישט ארויסדרייען פון די נאציאנאלע פראבלעמען פון גאנצן פאלק. ער פאסט זיי אבער אויף אויף זיין אייגענעם קלאסן־שטייגער. זיין אויסגאנגס־פונקט איז נישט דער אינטערעס פונם קלוימערשט גאנצן פאלק, נאר דער אייגענער קלאסן־אינטערעס פונם אידישן פראלעטאריאט. דער נאציאנאלער דרוק לייגט זיך מיט זיין הויפט־לאסט אויף די פלייצעס פון די ארבעטער, — ווערט בעכיין דער ארבעטער־קלאס דער טרייסטער קעמפער אויך פאר דער נאציאנאלער פרייהייט. ביים ארבעטער איז עס אבער נישט קיין באזונדערער נאציאנאלער קאמף, נאר די ראס און פארם פון זיין אלגעמיינעם קלאסן־קאמף.

וויבאלד מיר האבן בענויגייע דער אידן־פראגע צו טאן מיט דערשיינונגען פון עקאנאמישן כאראקטער, איז קלאר, אז די פאליטישע גרעניצן פון די עקזיסטירנדיקע מעלוכעס שפילן דא נישט קיין אנטשיידנדיקע ראל. די אידישע מאסן זיינען צעזייט און צעשפרייט איבער זיבן יאמען און דורך די עמיגראציע־שטראמען ווערן זיי אריבערגעווארפן הונדערטער טויזנטערווייז אין נייע לענדער, וואו עס בילדן זיך אוים נייע אידישע יעשוואווים. דיזעלבע סיבעס פירן אומעטום אין דיזעלבע באדינגונגען, צו דיזעלבע רעזולטאטן, און די אידן־פראגע ווערט צעזייט און צעשפרייט איבער דער גאנצער וועלט, אויף ווי ווייט די אידישע מאסן באמיען זיך אומעטום אויסצופילן די פארן און שפאלטן אין דעם אנארכישן קאפיטאליסטישן סיסטעם.

די אידן־פראגע באקומט וואס ווייטער אלץ מער און דייטלעכער דעם כאראקטער פון אן אלוועלטלעכן פראבלעם.

V

אויף דעם באדן פון דער אומעטומיקער ענלעכקייט און איינארטיקייט פון דער אידישער עקאנאמישער סטרוקטור וואקסן אוים ענלעכע און איינארטיקע

נויטן און באדערפנישן ביי די אידישע ארבעטער און ס'ווערן רייף די באדינ־גונגען פאר דער אנטשטייונג פון אן אלוועלטלעכער אידישער ארבעטער באַ־וועגונג.

דער אידישער ארבעטער איז היינט אין איין לאנד, און מארגן איז ער גע־צוואונגען אריבערצואוואנדערן אין א צווייטן לאנד. אויך דארט איז ער נישט איננאנצן פארזיכערט מיט זיין ארבעטס־פלאץ און אומעטום פאלגט אים נאך די אייגנארטיקייט פון אידישן ווירטשאפטלעכן לעבן. מוז די ארגאניזאציע פון אידישן ארבעטער געבויט ווערן ווי אן אלוועלטלעכע אינטער־טעריטאריאלע באוועגונג, וועלכע באגלייט דעם אידישן ארבעטער זיין גאנצן לעבנסוועג און פירט אן דעם קאמף פאר זיינע נויטן אומעטום, וואו ער שלאגט־אויף זיינע גע־צעלטן, וואו ער פעסטיקט זיך איין אויף אן ארבעטס־פלאץ.

דער אידישער פראלעטאריאט שעפט אבער די באגייסטערונג פאר זיין קאמף, ווי דער אינטערנאציאנאלער ארבעטער־קלאס, נישט פון זיין איצטיקער נויט און קוועלנדיקן פיין. דערמיט וואלט ער העכסטנס געקאנט שפייזן זיין געפיל פון צארן און פארביטערונג קעגן די הערשער פון דער קאפיטאליסטישער וועלט. דאס איז צו קנאפ און ווינציק, קעדיי צו באפליגלען זיין גייסט און דער־הויבן אים צום מסירעס-נעפעשדיקן קאמף פאר דעם סאציאליסטישן אידעאל.

דעם פאטאס פארן קאמף געווינט דער ארבעטער־קלאס פון דעם, וואס ער דערקענט די טענדענצן פון די סטיכישע פראצעסן וועלכע פירן צו ווירטשאפט־לעכער איבערצנדערשונג. זיי ווייזן זיך שוואכע און בלאסע נאך אין דער קאפי־טאליסטישער ארדנונג, זיי מוזן זיך אבער אומפארמיידלעך אנטוויקלען מיט אן אייזערנער נויטווענדיקייט אלץ מער ביז צום אומברענגען די היינטיקע וועלט און דעם אויפבוי פון דער נייער סאציאליסטישער געזעלשאפט.

אזוי האבן אויך די פויאליי ציען געבויט די קאמפס־פראגראם פון אידישן פראלעטאריאט אויפן פראגנאז פון די סטיכישע איבערצנדערשונגס־פראצעסן אין אידישן לעבן, וועלכע מוזן מיט אייזערנער נויטווענדיקייט נארמאליזירן די עקאנאמישע סטרוקטור פון אידישן פאלק און שאפן די געזונטע סטראטעגישע באזע פארן קלאסן־קאמף פון אידישן פראלעטאריאט.

דער איקער פארדינסט פון דעם מארקסיזם באשטייט אין דעם, וואס ער האט דורך זיין פראגנאז אויפגעהויבן דעם פארהאנג, מיט וועלכן ס'איז פאר־שלייערט די צוקונפט, און געוויזן דעם פראלעטאריאט דעם זיכערן וועג צו זיין באפרייאונג. קעמפן פאר די טאג־נויטן פון איינצעלנע ארבעטער קאן מען אויך אן דעם סאציאליסטישן אידעאל; אבער קעדיי צו קעמפן פארן גורל פון גאנצן ארבעטער־קלאס אלס קאלעקטיוו, מוז מען דורכויס פארמאגן די איבערצייגונג אין דער זיכערקייט און אומפארמיידלעכקייט פון דער פארווירקלעכונג פון סאַ־ציאליזם. די טאג־נויט איז דער טרייב־מאטיוו פון קאמף; די סאציאליסטישע פערספעקטיוו פארשאפט די זיכערקייט אינעם ניצאכן.

פויאליי ציען האבן אויפגעוויקלט פאר די אידישע ארבעטער־מאסן די פערספעקטיוו פון זייער ניצאכן אין קאמף פאר זייער סאציאלער און נאציא־

נאַלער באַפרייאונג און דערמיט האָבן זיי געגעבן דעם אידישן אַרבעטער־קלאַס
אַן אידעע, אַ קאָלעקטיווע געשאַמטע, אַ דאַנק וועלכער די מיליאָנען אידישע פּראָ־
לעטאַריער זענען צעמענטירט געוואָרן ווי איין אַלוועלטלעכער קאַמפּס־קאָלעקטיוו
מיט איינהייטלעכ׳ אויפגאַבן.

VI

די אידעע פון דער אידישער אַרבעטערשאַפט אַלס קאָלעקטיוו האָבן פּועלי
ציען נישט אויסגעטראַכט, נאָר דערקענט און אויפגענומען אין די סטיכישע
פּראָצעסן פון ווירטשאַפטלעכער איבעראַנדערשונג פון אידישן לעבן. דאָס
זענען די פּראָצעסן, וועלכע פירן צו סאָציאַלער אומשיכטונג און פּראָדוקטיווי־
זירונג פון די אידישע מאַסן, צו זייער אַגראַריזירונג און אינדוסטריאַליזירונג
אין די פאַרשידנסטע לענדער פון זייער ביזאיצטיקער קאָנצענטרירונג און אין
די ניי־אַנטשטייענדיקע קאָמפּאַקטע אידישע יעשובֿים. מיט זייער פּאָזיטיווער
באַציאונג צו די קאַמפּס-אויסזיכטן אין די לענדער פון אידישן מאַסן־ישעוו,
האָבן פּועלי ציען זיך שאַרף אָפּגעגרענעצט פון די אַנדערע סאָציאַליסטיש־
טעריטאָריאַליסטישע גרופּן, וועלכע האָבן זייער טעריטאָריאַליזם געבויט אויס־
שליסלעך אויף דער נעגירונג פון „גאָלעס”. פּועלי ציען זענען אַרויס מיט
דער גאַנצער קראַפט קעגן אַלע מינים טעאָריעס, וועלכע האָבן געלייקנט יעדע
אויפלעב־מעגלעכקייט פאַר די אידישע מאַסן אין די אַזוי גערופענע „גאָלעס”־
לענדער און געלייגט די האָפנונג נאָר אויף דער נייער טעריטאָריע, אויפן אי־
דישן „פרייל‎אַנד”. פאַרקערט, פּועלי ציען האָבן איינגעזען די אויפבוי־טענ־
דענצן פון אידישן מאַסן־לעבן אין „גאָלעס” און אויפגעבויט אַ ברייטן פּראָ־
גראַם פון סאָציאַל־עקאָנאָמישע פאָדערונגען, פאַר וועלכע דער אידישער פּראָ־
לעטאַריאַט דאַרף קעמפן, און וועלכע ער וועט פאַרווירקלעכן דאָ, אויף די ער־
טער, וואו ער געפינט זיך שוין.

פּועלי ציען האָבן זיך נישט געוואָלט באַגנוגענען מיטן בונדישן לאָזונג
פון נאַציאָנאַלער קולטור־אויטאָנאָמיע; אַלס מאַרקסיסטן האָבן זיי באַטראַכט
די דערשיינונגען פון גייסטיקער קולטור, פון פּסיכישן כאַראַקטער, ווי פּראָדוקטן
פון ווירטשאַפטלעכער אַנטוויקלונג. אַוודאי האָבן זיי געוואוסט דעם ווערט
און באַדייטונג פון שפּראַך פאַרן קאַמף פון אַרבעטער־קלאַס. אָבער פּונקט אַזוי
האָבן זיי זיך אָפּגעגעבן אַ דין וועכעשבן, אַז די באַזונדערע אידישע שפּראַך
איז אָפּהענגיק פון דעם, אויף וויפל די אידישע מאַסן וועלן אויפהיטן אויך אויף
ווייטער אַ בעערעד זעלבסטשטענדיקן ווירטשאַפטלעכן לעבן, אויף וויפל זיי וועלן
זיך געפינען אין קאָמפּאַקטע צענטרען. די פאָדערונגען פון רעכט און פריי־
הייט פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער אידישער שפּראַך זענען פון פּועלי ציען
דעריבער אַרויסגעשטעלט געוואָרן נישט ווי איינציקע און אפילו נישט ווי דאָ־
מינירנדיקע, נאָר ווי אָרגאַנישע אייוורים פון דער גאַנצער פּלאַטפאָרם פון נאַ־
ציאָנאַל־פּאָליטישער אויטאָנאָמיע פאַר די אידישע מאַסן. די דאָזיקע פּלאַט־
פאָרם האָט אין זיך קוילעל געווען אין פולן אומפאַנג אַלע נויטן און באַדערפ־
נישן וועלכע שטאַמען פון דער ספּעציפישער סאָציאַל־עקאָנאָמישער סטרוקטור
פון אידישן מאַסן־לעבן.

אנאַליזירנדיק מאַרקסיסטיש די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג, די דינאַמיק פון דער אידישער אומעטומיקער ווירקלעכקייט, האָבן פּויאַליי ציען דערקענט די טענדענצן אויך פון יענעם סטיכישן פּראָצעס, וועלכער פירט צו דער אידישער מאַסן־איינוואַנדערונג אין פּאַלעסטינע, צו איר איינוואָרצלונג דאָרט אין אַלע גרונט־צווייגן פון דער פּראָדוקציע און קאָנצענטרירטער קאָמפּאַקטער קאָלאָני־זאַציע, וועלכע באַקומט דעם העכסטן אויסדרוק אין דער טעריטאָריאַליזירונג פון דעם אידישן לעבן.

נישט ווייל ערעץ איסראָעל איז געווען דאָס לאַנד פון נאַציאָנאַלן אידישן אָוועך, און אויך נישט ווייל פּאַלעסטינע איז די בעסטע טעריטאָריע פון אַלע טעריטאָריעס, וואוהין אידן פאָרן, האָבן פּויאַליי ציען פאַרפיקסירט די אויפ־מערקזאַמקייט פון אידישן פּראָלעטאַריאַט אויפן דאָזיקן לאַנד; זיי האָבן אויפ־גענומען דעם לאָזונג פון טעריטאָריאַלן אידישן אַרבעטער־צענטער אין פּאַלעס־טינע דערפאַר, ווייל זיי האָבן געזען פּאַלעסטינע אינם פּראָגנאָז פון דער אידי־שער ווירטשאַפטלעכער דינאַמיק און זי איז געווען איינגעוועבט אין דער פּער־ספּעקטיוו פון אידישער סאָציאַלער אומשיכטונג אַלס דער איינציקער פּונקט, וואו ס׳קומט פאָר די טעריטאָריאַליזירונג.

שטייענדיק אויפן באָדן פון סטיכישן פּראָצעס, האָבן פּויאַליי ציען לייכט פאַרענטפערט די פראַגע, וועלכע האָט אַ געוויסע צייט געעגבערט די מויכעס פון ציוניסטן און טעריטאָריאַליסטן, וועגן „דאָ״ און „דאָרט״. וועך איז בילכער — די אַרבעט אין „גאָלעס״, צי די אַרבעט אויף דער טעריטאָריע? אָדער ווי די דאָמאָלסטיקע „סיימיסטן״ האָבן זי געשטעלט: וועלכע אַרבעט דאַרף פריער, צו ערשט געטאָן ווערן — די אַרבעט דאָ, צי די אַרבעט אינם פרייִלאַנד? ביי זיי איז אויסגעקומען, אַז קעדיי צו פאַרווירקלעכן דעם טעריטאָריאַליזם, מוז מען צוערשט אָנזאַמלען דאָ די נויטיקע קויכעס, פּאָליטישע און פינאַנציעלע, און דערנאָך זיך אַ נעם טאָן צו דער אויפבוי־אַרבעט אויף דער טעריטאָריע.

דערויף האָבן די פּויאַליי ציען געענטפערט, ווי מאַרקסיסטן: ביידע ביל־כער, ביידע אַרבעטן ווערן געפירט גלייכצייטיק, ווייל דאָס זענען נישט קיין צוויי באַזונדערע, פּאַראַלעלע פּראָצעסן, נאָר צוויי זייטן פון דערזעלבער מאַטבייע, צוויי אויסדרוקן פונם זעלבן איינהייטלעכן אומשיכטונגס־פּראָצעס, וועלכער אַנטוויקלט זיך גלייכצייטיק אי דאָרט, אי דאָ. פאַרן גאַנצן אידישן אַרבעטער־קלאַס האָט אַ ווערט יעדע דערגרייכונג סיי דאָ, סיי דאָרטן, ווייל דאָס העלפט דעם קאַמף פון דעם אידישן פּראָלעטאַרישן קאָלעקטיוו אומעטום.

נישט פּאַלעסטינע קעגן אַנדערע לענדער, נישט ערעץ איסראָעל אַנשטאָט דעם „גאָלעס״, אָדער אָפּגעזונדערט און איזאָלירט פון דעם, וואָס עס קומט פאָר מיט די מיליאָנען אידישע האָרעפּאַשניקעס אין דער גאַרער וועלט. די טעריטאָ־ריאַליזירונג פון אידישן לעבן אין פּאַלעסטינע, ווי אַן אָרגאַנישער רינג פון דעם אומעטומיקן סאָציאַלן אומשיכטונגס־און פּראָדוקטיוויזירונגס־פּראָצעס אינם

אידישן לעבן — אזוי האָבן פּויאַליי ציען גליך פון דער ערשטער מינוט אויפ־געפאסט דאָס פּאַלעסטינע־פּראָבלעם פון אידישן פּראָלעטאַריאַט.

אין דער טעריטאָריאַלער אידישער אַרבעטער־צענטר אין פּאַלעסטינע דע־ריבער נישט די זאַך בלויז פון דעם באַשטימטן טייל אידישע פּראָלעטאַריער, וועלכע געפינען זיך צו אַ באַשטימטער צייט, אַ דאַנק באַשטימטע אומשטאַנדן, אין יענעם לאַנד. פּויאַליי ציען האָבן אויפגענומען דעם פּאַלעסטינע־פּונקט אינם קאַמפּס־פּראָגראַם פון אידישן פּראָלעטאַריאַט נאָך דאָן, ווען פּאַלעסטינע האָט געציילט קוים עטלעכע הונדערט אידישע פּראָלעטאַריער. פּאַלעסטינע איז די זאַך פון אַלוועלטלעכן אידישן אַרבעטער־קלאַס — דאָס האָבן פּראָקלאַמירט פּויאַליי ציען נאָך מיט 25 יאָר צוריק — קאָן דער אידישער אַרבעטער־קלאַס בענויגייע פּאַלעסטינע האָבן נאָר אַ קלאַסן־אינטערעס און זיין וועג צו דער באַ־פרידיקונג פונם דאָזיקן אינטערעס קאָן זיין, ווי בענויגייע אַלע אַנדערע קלאַסן־אינטערעסן זיינע, נאָר און אויסשליסלעך דער וועג פון קלאַסן־קאַמף.

געווים זענען אין דעם טעריטאָריאַלן אידישן צענטר אין פּאַלעסטינע פאַר־אינטערעסירט אויך אַנדערע קלאַסן פונם אידישן פאָלק. פּונקט אַזוי קאָנען פאַרמעל זיך צונויפטרעפן די אינטערעסן פון פאַרשידענע טיילן פון אידישן פאָלק אין זייערע איצטיקע וואוין־ערטער ביי פאַרשידענע פאַלן. אָבער אין טאָג זענען עס טאָמיד פאַרשידענע, קעגנזעצלעכע אינטערעסן, און דער פּראָלעטאַ־ריאַט מוז קאָנען אויסגעפינען דעם קלאַסן־קערן אין יעדן קלוימערשט אַלגעמיי־נעם נאַציאָנאַלן איניען. אויף דעם דאָזיקן קלאַסן־אינטערעס מוז דער אידי־שער אַרבעטער זיין וואַכזאַם גראָד בענויגייע פּאַלעסטינע, וועלכע איז מעסוגל מיט דעם שטאַרקן וויין פון נאַציאָנאַלער ראָמאַנטיק צו פאַרשיקערן די שוואַכע מויכעס ספּעציעל פון יענע מאַסן, וועלכע ווערן פּראָלעטאַריזירט ערשט אין פּאַ־לעסטינע גופע און גרייטן זיך באַוואוסטזיניק צו אומברענגען זייער לעבן אויפן מיזבייאַך פון נאַציאָנאַלער געאולע.

די אַנטשיידענע פּראָלעטאַרישע קלאַסן־איינשטעלונג בענויגייע אַלץ, וואָס האָט אַ שייכעס צו דעם אויפבוי פון אידישן יישעוו אין פּאַלעסטינע און די קלאָרע פאָרמולירונג פון דער פּאָליטישער קאַמפּס־ראָל פון אידישן אַרבעטער־קלאַס אינם פּאַלעסטיניזם — דערמיט האָבן פּויאַליי ציען ענדגילטיק זיך אָפּ־געגרעניצט פונם בירגערלעכן ציעניזם.

VIII

די אויפגאַבן פון דער פּאַרטיי פון אידישן אַרבעטער־קלאַס זענען אויפגע־פאַסט געוואָרן ווי פּאָליטישע קאַמפּס־אויפגאַבן, קאָל זמאַן די אַרבעטרשאַפט איז נישט ביי דער מאַכט. איז צוזאַמען דערמיט בוילעט געקומען צום ליכט, אַז די פּויאַליי ציען אָריענטירן זיך אין זייער קאַמף נישט אויף די קויכעס פון דער אַלטער קאַפּיטאַליסטישער וועלט, נאָר אינגאַנצן אויף די נייע קויכעס פון דער אויפגייענדיקער סאָציאַליסטישער וועלט.

אין דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג געפינט זיך די אָרגאַניזירונג פון דער

פראדוקציע און די רעגולירונג פון דער ווירטשאפט אינגאנצן אין די הענט פון דער בורזשואזיע. די ארבעטערשאפט באנוגנט זיך מיט דעם קאמף פאר באַפרייען די פראדוקטיווע קויכעס פון די פענטעס, וועלכע דער קאפיטאליסטישער ווירטשאפטס־סיידער לייגט אויף זיי ארויף, דורך וואס ער האמעוועט און פאַרהאלט די אנטוויקלונג פון דער געזעלשאפט ביקלאל. ערשט ווען דער ארבעטער וועט קומען צו דער פאליטישער מאכט, וועט ער קריגן די מעגלעכקייט צו רעגולירן אויך די ווירטשאפטלעכע פראצעסן.

נאטירלעך איז אויך היינט צו טאג דער ארבעטער פאראינטערעסירט אין דער עקזיסטענץ און אין דער אויסברייטערונג פון דער ווירטשאפט, האגאם זי איז א קאפיטאליסטישע, איז אויסגערעכנט אויף זיין עקספלואטאציע און אויף צו ברייגגען פראפיטן דער בורזשואזיע. ער איז אין איר פאראינטערעסירט צוליבן ארבעטס־פלאץ, ווי אויך קעדיי צו האבן די סטראטעגישע באזע פאר זיין דערפאלגרייכן קאמף. די אנטוויקלונג און אויפשטייג פון דער קאפיטאליסטישער ווירטשאפט זענען דער יעסאד פארן אויפשטייג פונם פראלעטאריאט. פון דעם דרינגט אבער לאכלוטין נישט, אז דער ארבעטער איז מעסוגל אלס קאלעקטיוו צו ארגאניזירן אט די ווירטשאפט, קאל זמאן ביי איר רודער געפינט זיך די בורזשואזיע, וועלכע האט די מאכט די גאנצע אנטוויקלונג פון דער ווירטשאפט צו בויען אויפן כעשבן פון דעם ארבעטער.

דעמזעלבן פרינציפ, וועלכער גילט אין אלע לענדער פון קאפיטאליזם, און ביי וועלכן עס האלטן זיך אומעטום די ארבעטער, האבן פויאלי ציען אויפגעשטעלט אויך בענוגייע דער ראל פון אידישן פראלעטאריאט אינם פאלעסטינעאויפבוי. אוואדע זענען די אידישע ארבעטער פאראינטערעסירט אין דעם דאזיקן אויפבוי. יעדע נייע קאלאניע און יעדע נייע פאבריק שאפן נייע ארבעטס־מעגלעכקייטן פאר די אידישע ארבעטער איינוואנדערער און פארגרעסערן די אויסזיכטן פון דער רעאליזירונג פונם טעריטאריאלן ארבעטס־צענטר. פונדעסטוועגן מיינט דאס נישט, אז גראד אין פאלעסטינע דארפן די אידישע ארבעטער איבערנעמען די ראל פון דער בורזשואזיע אויפצובויען די קאפיטאליסטישע ווירטשאפט. פאר דאס לעצטע וועט שוין זארגן די בורזשואזיע אליין. די אידישע ארבעטערשאפט דארף נאר אכטונג געבן, אז אין דעם פראצעס פון אויפבוי זאלן די אידישע ארבעטער וואס ווינציקער בארויבט ווערן פון זייערע רעכט און אויסגענוצט ווערן אין נאמען פון קלוימערשטער „נאציאנאלער" באַפרייאונג פאר די דירעקטע קלאסן־אינטערעסן פון דער אידישער בורזשואזיע.

דערצו איז נויטיק א זעלבסטשטענדיקע פראלעטארישע קלאסן־ארבעט אין און פאר פאלעסטינע. ארגאניזירן די אידישע ארבעטער אין דער גארער וועלט אויפן יעסאד פון זייער פאלעסטינע־אינטערעס; ארגאניזירן זייער פאליטישע און פינאנציעלע הילף פאר דער ארבעטערשאפט אין פאלעסטינע; שאפן אין פאַלעסטינע גופא די פאליטישע, פראפעסיאנעלע און קולטורעלע ארגאניזאציעס פון דער ארבעטערשאפט אויפן יעסאד פון קלאסן קאמף און פירן זיי אין גייסט און אין וועג פון אינטערנאציאנאלן סאציאליזם.

פויאליי ציען זענען געווען די ערשטע אוועקצושטעלן פאר דער אידישער ארבעטערשאפט דאס פראבלעם פון אידיש־אראבישער ארבעטער סאלידאריטעט. די ציעניסטן האבן אין בעסטן פאל גערעדט וועגן אן „אראבער פראגע", א פארשאלטענער, פון וועלכער מען האט געזוכט פאטער צו ווערן, ווייל מען האט נישט געזען קיין שום וועג צו איר פארענטפערונג. און מיט רעכט. ווייל ס'איז נישטא און קאן נישט זיין קיין וועג פאר פארשטענדיקונג צווישן אידישע און אראבישע קאפיטאליסטן סיידן אויף א געוויסן מאמענט, ווען עס זעט זיך פארויס א מעגלעכקייט אפצואווענדן די געפאר מיצאדן ארבעטער קלאס, וועלכע דראט ביידן גלייכצייטיק. די אינטערעסן פון קאפיטאליסטישע פראפיטן מוזן פירן צו אייביקער קאנקורענץ און רייסעניש צווישן דער בורזשואזיע פון ביידע נאציעס, מעמיילע אויך צווישן דער אינטעליגענץ, וועלכע דינט בא יעדן פאלק די אינטערעסן פון דער אייגענער בורזשואזיע. אויפן יעסאד פון אייגענעם אויפגעבלאזענעם נאציאנאליזם איז נישטא קיין אויסזיכט צונויפצובריינגען אידן און אראבער סטאם צו איין געמיינזאמען טיש.

דא זענען נישט גענוג די אלע דעקלאראציעם וועגן די טויוועס, וואס דער אידישער קאלאניסט בריינגט דעם אראבער דערמיט, וואס ער גיט אים ארבעט. פונקט ווי עס הערן־אויף צו ווירקן די דעקלאראציעם פון דער זעלבער אידישער בורזשואזיע וועגן אירע טויוועס פארן אידישן ארבעטער; עס מערן זיך די קאנפליקטן צווישן ארבעט און קאפיטאל סיי אינם אידישן און סיי אינם אראבישן לעבן. וועלן זיך די דאזיקע קאנפליקטן אלץ מער אויסשפרייטן, פארכאפן ברייטערע סאציאלע שטרעקעס און אריינציען די מאסן פון ביידע פעלקער. פונקט ווי די ציעניסטן וועלן נישט איינהאלטן אייביק דעם שאלעם־באיס מיט דער אייגענער אידישער ארבעטערשאפט, אזוי וועט אויך דער אראבישער בורזשואזיע נישט געלינגען איינצוהאלטן אויף שטענדיק די איצטיקע אכדעס צווישן עפענדי און פויער אין סינע צו דער אידישער איינוואנדערונג.

פויאליי ציעניזם זעט די מעגלעכקייט און אומפארמיידלעכקייט פון אידיש־אראבישן ארבעטער בונד אין קאמף קעגן עקספלואטאציע, פון וועלכער נאציאנאלער אפשטאמונג דער עקספלואטאטאר זאל נישט זיין, און אויף אט דעם יעסאד דארף געבויט ווערן די פארייניקטע קלאסן־ארגאניזאציע פון דער גאנצער ארבעטערשאפט אין פאלעסטינע. צווישן די קלאסן־אינטערעסן פון די ארבעטנדיקע אראבער און אידן זענען קיין קעגנזאצן אין טאד נישטא און קאנען נישט זיין דארט, וואו די פראגן פון ארבעט ווערן רעגולירט דורך די ארבעטנדיקע גופע. דעם שאוויניסטיש דערצויגענעם כאלוץ קאן אויסקומען נאטירלעך, אז אין די אידישע קאלאניעס דארף זיין ארט נאר פאר אידישער ארבעט, אבער דער מארקסיסטיש באוואוסטזיניקער ארבעטער וועט באגרייפן, אז אויב אידן פרובירן צו בויען זייערע אויסזיכטן אויף „היסטארישע רעכט", איז פאראן א סאך מער האפט אין די רעאלע רעכט פון יענע אראבישע ארבעטער, וועלכע פארגיסן זייער שוויים און בלוט באם אויפשטעלן דאס היינטיקע פאלעסטינע, אפילע

אזעלכע בליענדיקע אידישע נאציאנאלע יעשואווים, ווי פעסעד טיקווא, רעכא־וואט און רישעז לעציעז. געווים האבן זיי רעכט און ווען נאך פאדערן זייערע רעכט אויף די רייכטימער, וועלכע זענען דורך זיי געשאפן געווארן, ווען אפילע דער קאפיטאל דערצו איז צונויפגעשטעלט געווארן פון אידיש-נאציאנאלע, צי אידיש־רעליגיעזע צדאקע־פושקעס.

דא ליגט אויך דער טאעס און פארברעך פון די בונדיסטן און קאמוניסטן, וועלכע כאפן זיך יא אן דער אראבער פראגע, אבער זעען ווידער בלויז די איין זייט פון דער מאטבויע: זיי זעען דעם אראבישן ארבעטער און ווילן נישט זען דעם עפענדי; זיי זעען דעם אידישן קאפיטאליסט און ווילן ניט זען דעם אידישן ארבעטער. זעען זיי דעם סאציאלן קאנפליקט צווישן אראבישער ארבעט און אידישן קאפיטאל און זעען נישט די פראלעטארישע סאלידאריטעט צווישן אידישן און אראבישן ארבעטער־קלאס.

שטיצן זיי דעם אראבישן נאציאנאליזם קעגן דעם אידישן נאציאנאליזם; דאס אליין וואלט אויך געווען נישט נארמאל און פאלש פון מארקסיסטישן שטאנדפונקט. ביידע מוזן באקעמפט ווערן! זיי טוען אבער ערגערס: זיי שטיצן דעם אראבישן עפענדיש־מופטישן נאציאנאליזם קעגן דער אידיש־אראבישער פראלעטארישער סאלידאריטעט, און דאס איז שוין א פארברעך!

דער מארקסיסטישער פויאליי ציעניזם נעמט־אויף די פראגע וועגן אידיש־אראבישע באציאונגען און באטראכט זיי נאר אין דער ליכט פון קלאסן־אינטערעסן און קלאסן־קאמף.

די אידישע ארבעטער־איינוואנדערונג בריינגט אויס די מעגלעכקייטן פאר דער ווירטשאפטלעכער אנטוויקלונג פון פאלעסטינע, דערמיט ווערט פארזיכערט דער אויפבלי פון אלע פראדוקטיווע קויכעס פון לאנד. אין דעם זענען גלייך פאראינטערעסירט די מאסן ארבעטנדיקע אידן און אראבער. זיי האבן דעם געמיינזאמען אינטערעס צו באפרייען די אויפשטייגנדיקע פראדוקטיווע קויכעס פון אלע פענטעס און צוימען, וואס פארהאלטן זייער אנטוויקלונג: די פעאדאלע ווירטשאפטס־פארמען אין אראבישער סוויווע, פונקט ווי די פרעמדע בריטישע אימפעריאליסטישע אקופאציע, פונקט ווי די אנרייפנדיקע אפעטיטן פון דער אידישער בורזשואזיע. דאס איז די שוטפעסדיקע פלאטפארם פאר געמיינזאמער ארגאניזאציע און קאמף פון אידיש־אראבישע ארבעטער מאסן, דאס איז די איינציקע גאראנטיע פאר דער באפרייאונג פון אלע שאפנדיקע קויכעס אין לאנד, דאס איז די איינציקע ארוועס פאר דער פולער רעאליזירונג פון דעם פראלעטארישן פאלעסטיניזם.

X

פארן מארקסיסטישן פויאליי ציעניזם איז דער טעריטאריאליזירונגס פראצעס אין פאלעסטינע נישט קיין אפגעזונדערטער איניען, וועלכער האט אויפצושטעלן עפעס אזוינס, וואס זאל פארלייקענען אלע אנדערע פאזיטיווע דערשיינונגען און פראצעסן אין אידישן לעבן אומעטום, מיכוץ פאלעסטינע. דעריבער איז אויך פארשטענדלעך, פארוואס פויאליי ציען טרעטן אויף מיט דער גאנצער

אנטשלאסנקייט קעגן דעם אגרעסיוון קעמפנדן העברעאיזם סיי אין פאלעסטינע און סיי אין דער גארער אידישער וועלט.

גייסטיקע קולטור איז א פראדוקט פון מאטעריעלער קולטור. די אייגענע באזונדערע אידישע שפראך ביי די אידישע מאסן שעפט איר זאפט און קריגט איר גוואורע אין דער קאמפאקטקייט פון אידישן ווירטשאפטלעכן לעבן, אין דער אומעטום צעזייטער קאנצענטרירקייט. דער אויפקום פון דער אידישער שפראך איז נישט קיין אויפטו פון „ליבהאבער קרייזלעך", פון ספעציעלע אידע־אליסטן: דאס איז דער אויסדרוק פון דעם פראצעס, דורך וועלכן די אידישע מאסן זענען אויפגעקומען און ארויסגעטרעטן אויף דער לעבנס־ארענע, ווי שאפנדיקע אנטשיידנדיקע פאקטארן. די אידישע שפראך לעבט אין ווארשטאט, אין פאבריק, אין קראם, אין פראפעסיאנעלן פאריין, אין שול, אין דער פאליטישער פארטיי, אויפן מיטינג, אין טעאטער און אויף דער דעמאנסטראציע. מיליאנען ברענגען צום אויסדרוק זייער אויפגעוואכטע לעבנס־דורשט און קראפט דורך דער אידישער שפראך. אבער אויך דער פאלעסטיניזם איז אן אויסדרוק פון אט דעם אויפגעוואכטן און אלץ שטייגערדיקן אויפלעבונגס־פראצעס; טאר מען נישט אויפשטעלן קיין קינסטלעכע וואנט צווישן דעם אויפבליענדיקן אידישן מאסן־לעבן אין אלע לענדער פון דער וועלט און דעם מאסן־לעבן אין דעם פאלעסטינער טעריטאריאלן צענטער. מען טאר נישט אויפשטעלן קיין מעכיצע צווישן דער קולטור־שאפונג פון די אידישע מאסן אין דער גארער וועלט, ווייל ס'איז קעגן די טענדענצן, וועלכע ווירקן אין לעבן פון אלוועלטלעכן איינהייט־לעכן אידישן מאסן־קאלעקטיוו.

די אידישיסטן פון פארשידענע לענדער שטעלן זיך אפ ביי די טויערן פון פאלעסטינע: זיי ציטערן פאר דעם „הייליקן לאנד", זיי מיינען, אז דערמיט איגנארירן זיי און זענען מעוואטל דעם ציעניזם. פאראן אבער יענער שטארקער קויעך פון טעריטאריאליסטישער איבערגעשטאלטונג פון אידישן לעבן אין פאלעסטינע, וועלכער ווערט נישט אפגעהאלטן און איבערגעריסן צוליבן ברויגעס פון די קולטור־אידישיסטן. זיי שטעלן זיך נאר דערמיט אוועק אז א זייט פון לעבן און בלייבן איינגעשרומפן אין די אייגענע ענגע דאלעדאמעס. דער אידישער פראלעטאריאט קאן נישט בלייבן גלייכגילטיק צו דעם, וואס קומט פאר אויפן קולטור געביט אין פאלעסטינע, פונקט ווי אים גייען אן בלוטיק יענע איבעראנדערשונגס פראצעסן, וועלכע וויקלען זיך פונאנדער אומעטום, אויך אין ראטן פארבאנד, אויך אין פאלעסטינע. נעמט ער אויף דעם קאמף קעגן דער העברעאישער איזאלאציע פון פאלעסטינער אידישן לעבן און זוכט צו שטארקן די פאזיציעס פון די באוואוסטזיניקע אידישע ארבעטער אין פאלעסטינע, וועלכע זענען דארט פאר דעם קאמף פאר דער אלוועלטלעכקייט פון אידישן פראלעטארישן קאלעקטיוו, פאר זיינע אידעאלן, גייענדיק אין זיינע אומעטומיקע קלאסן־דראכים, באנוצנדיק אויך אין פאלעסטינע דעם אומעטום גילטיקן און אויסגעפרואווטן מיטל פון קלאסן געווער.

קאמף פאר די טאג נויטן, מאטעריעלע און גייסטיקע פון די אידישע מאסן

אומעטום, דער זעלבער קאמף אויך אין פאלעסטינע. אומעטום די זעלבע פערספעקטיוו — פון דאנען אויך די איינהייטלעכקייט פונם אומעטומיקן קאמף.

XI

דורכן טעריטאריאליזירונגס־פראצעס אין פאלעסטינע ווערן פארפולקומט די קאמפס־אויפגאבן פון אלוועלטלעכן אידישן ארבעטער־קלאס. נישט נאר ענלעכע אינטערעסן אין פארשידענע לענדער, נאר אויך א געמיינזאמע בעשוטפעסדיקע קאמפס־ אויפגאבע אין איין לאנד, אין פאלעסטינע, בילדן־אויס צוזאמען די קאמפס־פלאטפארם פון דער איינהייטלעכער אינטערטעריטאריאלער אידישער ארבעטער באוועגונג.

דער אלוועלטלעכער כאראקטער פון דעם אידישן ארבעטער־פראבלעם און דער אלוועלטלעכער שעטאד פאר די קאמפס־אויפגאבן פון אידישן פראלעטאריאט שאפן דעם נאטירלעכן באדן פאר דער פאליטישער אריענטאציע פון אידישן ארבעטער־קלאס. וואלטן עס געווען בלויז פאראיינצעלטע פאליטישע פראבלעמען, וועלכע זענען אפהענגיק פון א באשטימטן לאקאלן רעזשים, וואלט מען זיך געקאנט פארלייגן אויפן קאמף אין געגעבענעם לאנד און פארבינדן אלע האפנונגען מיטן אויסגאנג פון אט דעם לאקאלן קאמף.

צוליב דעם אינטערטעריטאריאלן סאציאל־עקאנאמישן כאראקטער פון אידישן פראבלעם האט געמוזט געבוירן ווערן נאטירלעכערהייט די אויסגעהאלטענע מארקסיסטישע אריענטאציע אויף די אינטערנאציאנאלע רעוואלוציאנערע קויכעס און אויף זייער אומעטומיקן קאמף און ניצאכן.

ס'איז דאך נישט די פראגע פון בלויז דערשלאגן זיך רעכט פאר די אידישע מאסן, נאר דער איקער טאקע, ווי אזוי צו שאפן מעגלעכקייטן פאר זייער סאציאלער אומשיכטונג, פאר זייער פראדוקטיוויזירונג. דא פאדערט זיך פלאנמעסיקע אריינמישונג אין דעם פראצעס פון ווירטשאפטלעכער אנטוויקלונג, דא איז נויטיק די באוואוסטזיניקע רעגולירונג פון די פראצעסן, וועלכע ווירקן אין דער אידישער סוויווע און אויך אינם ארוס.

קען דאס געשען פול און גאנץ נאר דארט, וואו דער ארבעטער וועט איבערנעמען די מאכט און אנהויבן בויען דעם סאציאליזם. דער פויאליי ציעניזם מוז, לויט זיין עצעם מעהוס, אויפגענומען ווערן דורך די קויכעס פון דער נייע סאציאליסטישער געזעלשאפט, ווי נאר זיי וועלן זיך אנטרעפן פאנעם על פאנעם מיט די פראצעסן פון אידישן לעבן. האבן טאקע פויאליי ציען די ערשטע אוועקגעשטעלט דאס אידישע פראבלעם פארן פארום פון אינטערנאציאנאלן פראלעטאריאט נישט ווי א ספעציפישע „אידישע” פראגע, נאר ווי אן ארגאניש פראבלעם פון דער רעוואלוציע אין דער אידישער סוויווע. נישטא קיין אנדער וועג צו דער רעוואלוציע פאר די אידישע ארבעטער־מאסן, ווי נאר דער וועג, וועלכער איז געצייכנט דורך פויאליי ציען — אגראריזירונג און אינדוסטריאליזירונג אומעטום און טעריטאריאליזירונג אין פאלעסטינע.

מיר האָבן דאָ אָנגעצייכנט די וויכטיקסטע אויפטועז פון פּועלי ציון ביים פעסטשטעלן דעם כאַראַקטער פון דעם אידישן פּראָבלעם און ביים פאָרמולירן די קאַמפּס־אויפגאַבן פון אידישן פּראָלעטאַריאַט. ציגל צו דעם דאָזיקן טעאָרע־טישן בנין האָבן צוגעטראָגן אויך אַנדערע טיילן פון אידישן אַרבעטער־קלאַס; אָבער יענע פּאַרטייען, ווי ס. ס. און סיימיסטן, זענען שוין לאַנג פאַרשוואונדן פון דער פּראָלעטאַרישער קאַמף־אַרענע. פּועלי ציון האָבן זיך באַטייליקט אין אויפשטעלן די גאַנצע געביידע, פון פונדאַמענט און ביז צום דאַך; ס'איז די איינציקע באַוועגונג, וואָס האָט אַרויסגעהאַנגען איבערן אויפגעשטעלטן בנין איר רויטע פאָן, וועלכע פלאַטערט איבער די קעפּ פון אידישן פּראָלעטאַריאַט גאַנצע פינף און צוואַנציק יאָר

מיט פינף און צוואַנציק יאָר צוריק זענען די פּועלי ציון אַרויס אין דער אַרבעטער־גאַס מיט די אויסגערעכנטע פּרינציפּן און לאָזונגען, און זיי האָט באַ־געגנט כוויזעק און ביטל מיצאַדן גרעסטן טייל אידישע פּראָלעטאַריער, פּרעמד־קייט און קעגנערשאַפט מיצאַד דעם גאַנצן סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל, קיינער האָט נישט געוואָלט פאַרנעמען די פּועלי ציוניסטישע „בקירעס", און זעלטן ווער האָט זיך געוואָלט אָפּגעבן מיט זייערע „כאָלוימעס" און „פאַנטאַ־זיעס". פאַר די ברייטע מאַסן פון דער אַרבעטערשאַפט איז די פּועלי ציונים־טישע פּראָגראַם געווען אַ צו אַבסטראַקטע, האַרבע טוירע, וועלכע שוועבט אין די הויכע אוילאָמעס, און זיי האָבן שווער באַנומען, וועגן וואָס עס גייט.

עס איז לייכט געווען צו זיין אַ סאָציאַליסט סתם, עס איז לייכט געווען אויך צו זיין אַ בונדיסט. ביי יענע איז אַלץ געווען אַזוי צוגענגלעך, און דער פּרימיטיווער סויכל האָט זיך געקאָנט זייער לייכט פונאַנדערקלייבן אין דער איינפאַכער קאָנסטרוקציע פון די פראַגן, וועלכע זענען געווען אויבן־אויף און איבער וועלכע מען האָט נישט געברויכט אָנצושטרענגען דעם מויאַך.

פּועלי ציוניזם האָט געשטעלט פּראָבלעמען, געוואָנדעט די אויפמערק־זאַמקייט אויף דער פאַרוויקלטקייט, אויף דער קאָמפּליצירטקייט פון די אין פלוג איינפאַכע דערשיינונגען, נישט געלאָזט זיך באַגנוגענען מיט דער סטאַטיק, מיט דעם, וואָס ליגט אויף דער האַנט, נאָר געצויגן אין דער טיף, געצוואונגען זיך דערגרונטעווען צום יעסאָד, צום וואָרצל פון די פּראָבלעמען, געלערנט צו דער־קענען די אַנטוויקלונג פון דער דערשיינונג, די דינאַמיק פונם פּראָצעס. האָבן פּועלי ציון נישט נאָר געשטעלט דעם דיאַגנאָז פונם אידישן פּראָבלעם, נאָר אויף דעם יעסאָד פון זייער מאַרקסיסטישן פּראָגנאָז האָבן זיי אויך אָנגעוויזן דעם רעוואָלוציאָנערן וועג צו דער לעזונג פונם פּראָבלעם.

לעבאַטכילע איז אויסגעקומען, אַז זיי שלעפּן זייערע טעאָריעס פון אַרבל, ווייל זיי האָבן קעסיידער זיך פאַררופן אויף טענדענצן פון פּראָצעסן; נישט יע־דער איינער, און אַוואַדע נישט די מאַסן, זענען געווען מעסוגל איינצוזען די טענ־דענצן אין זייער עמבריאָנעלן צושטאַנד, ווען זיי זענען נאָך געווען שוואַכע און

בלאסע, קוים, קוים צו דערקענען. האט מען דען געקאנט נעמען ערנסט די פויאליי ציעניסטישע באהויפטונג, אז דורך דעם פאלן פון צאריזם און דער ענדערונג פונם פאליטישן רעזשים ווערט נאך קלאל נישט געלעזט די אידן־פראגע, נאר זי מוז ווערן שארפער און דרינגלעכער גראד אין דער פרייער אטמאספער פון א דעמאקראטישער וועלט ? !

ס׳איז געווען די צייט, ווען צום ברעג פון געזעלשאפטלעכן לעבן האבן געיאגט די הויכע כוואליעס פון רעוואלוציע און פאטאס־פולע קעמפנדיקע מאכנעס האבן געביינקט נאך דער באלדיקער פולער געאולע, וועלכע וועט מיט אמאל, ווי דורך א ריר מיטן צויבער־שטעקל, פארענטפערן אלע קאשעס און אראפווישן פון סיידער־היאים אלע אנגעווייטיקטע פראגן און פראבלעמען. האט מען זיך אליין און אנדערע אויפגעשרויפט ביז דעם העכסטן זיד־פונקט פון דער רעוואלוציאנערער ענערגיע און א מאך געטאן מיט דער האנט אויף אלע ספייקעס און „קלאץ־קאשעס", וועלכע זיינען קלוימערשט אויסן נאר אפצוציען דעם אינטערעס און די אויפמערקזאמקייט פונם דירעקטן רעוואלוציאנערן קאמף.

ווער האט צו יענער צייט געקאנט זיך רעכענען מיטן פאלעסטינע־פונקט אינם פויאליי ציען פראגראם, וויבאלד פאלעסטינע איז געווען וויסט און פוסט, נישט פאראקערט און נישט פארזייט ? ! בלויז נאציאנאלע מעקווינענים האבן צוזאמען מיט די שאקאלן אין די פאלעסטינע־וויסטענישן געקלאגט איבערן כורבן פון לאנד און אפעלירט צום נאציאנאלן געוויסן, גיין זיך „מאקריוו זיין פאר דער אויפלעבונג פון גאנצן פאלק", צו וואס עם פאדערט זיך אוועקווארפן אויף א צייט לאנג אלע אינערלעכע סאציאלע רייבונגען און קלאסן־מאכלויקעסן, וועלכע האבן נאך זייער בארעכטיקונג אין „גאלעס", קאנען אבער גלייך אין ווארצל אונטערגראבן דעם ביניען פון דער „נאציאנאלער היים" אין ערעץ איסראעל.

האט מען דען געקאנט זיך באציען ערנסט צו דער פויאליי ציענסטישער באהויפטונג וועגן סטיכישער אידישער מאסן־אימיגראציע אין פאלעסטינע, א פשיטע וועגן פארשארפטן קלאסן־קאמף אינם לאנד פון קויסל־מאראווי און מוטער ראכל׳ס קייווער, וויבאלד וועגן ערעץ איסראעל האבן געקלונגען בלויז די אלטע צדאקע־פושקע פון ר׳ מאיר בעל הנס און די מאדערנע פושקע פון נאציאנאל־פאנד, וויבאלד יעדער איד, וואס איז געפארן קיין ערעץ־איסראעל, האט זיך באטראכט און אויך אנדערע האבן אים באטראכט פאר א נאציאנאלן באלצדאקע, וועלכער טוט א טויווע דעם אידישן פאלק דערמיט, וואס ער גייט פארשווארצט ווערן אונטער דער ברענענדיקער זון פון וויסטן לאנד ? !

פויאליי ציען זענען ווי פיאנערן ארוים אין אפענעם ים פון שטורמישן אידישן לעבן און מיט אויפגעשטעלטע זעגלען זיך געלאזט שווימען קעגן שטראם. אנדערע פארטייען האבן זיך געהאלטן נאנט צום ברעג און שטאלצירט מיט זייער פראקטישן כוש, מיט זייער געפיל פאר ווירקלעכקייט.

די וויטערדיקע אנטוויקלונג האט אבער באוויזן, ווער ס׳איז געווען פראק־

טיש, קרעמעריש אויסגערעכנט, און ווער האט בעעמעם געהאט א כוש פאר ווירקלעכקייט. פאר דער ווירקלעכקייט, נישט ווי זי איז פארגליווערט און קאנסערווירט, נאר ווי זי בייט זיך און ענדערט זיך א דאנק די שטראמען ענערגיע, וועלכע ברויזן אין איר אז אויפהער, און וועלכע מוזן קעסיידער שאפן געהעריקע ראמען און וועגן פאר דער אנטוויקלונג און פונאנדערבליאונג פון די אליך־נייע רייף־ווערנדיקע פראדוקטיווע געזעלשאפטלעכע קויכעס.

XIII

איצט. נאך א פערטל יארהונדערט געשיכטע, אין מעשעך פון וועלכע עס זענען מאמעש אויפגעטרייסלט געווארן די פונדאמענטן פון דער ביז־אהעריקער מענשלעכער עקזיסטענץ און ס'האבן אויפגעהעלט נייע הימלען איבערן קאפ פון דער קעמפנדיקער ארבעטער־געזעלשאפט — איצט קאנען פויאליי ציען זיך שטעלן צום געריכט פון דער גאנצער ארבעטער־עפנטלעכקייט, מען זאל זיי מישפעטן דערפאר, וואס זיי האבן געוואגט אוועקצוגיין פון דער טראדיציע, פון שאבלאן און אויפנעמען דעם קאמף אין נאמען פון דעם, וואס דארף ערשט געבוירן ווערן. איצט קאן מען זיך איבערציייגן, ווער עס האט, ווי א געטרייער שקלאף צו דער שוין עקזיסטירנדיקער פראקטישקייט, זיך געקלאמערט מיט ציין און נעגל פאר די סלופעס פון דער אלטער וועלט, און ווער איז געווען טריי דער יוירנדיקער ווירקלעכקייט, געפילט איר פולסירנדיק בלוט און מיט איר זיך באהאפטן צו באנייען זי און באנייען זיך אין רעוואלוציאנערן אויפברויז.

אין יאם פון מענטשלעכע ליידנשאפטן און ליידן האט אויפגעפלאקערט מילכאמע און ס'איז אויפגעגאנגען רעוואלוציע. אין לאנד פון גרעסטן אידישן געטא־יישעוו איז די ארבעטערשאפט געקומען צו דער מאכט אין קאמף קעגן בלוטיקן אבסאלוטיזם. פויאליי ציען זענען געווען די איינציקע פארטיי פון אידישן ארבעטער־קלאס, וועלכע האט נישט בלויז געקעמפט קעגן צאריזם, נאר די ערשטע אויסגעשטרעקט איר ברוסט קעגן די פיילן, וואס האבן געצילט צו טרעפן אין הארץ פון דער ארבעטער־מאכט. בונד, ס. ס. און סיימיסטן האבן נישט אויסגעהאלטן דעם אויפברויז פון די רעוואלוציע־קויכעס און זענען אומגעקומען צוזאמען מיט די רעשטן פון דער אלטער וועלט; פויאליי ציען האבן איצט גריילעד געוואונען נייע לעבנס־ענערגיע, ווייל עס זענען געשאפן געווארן באדינגונגען פאר דער פארווירקלעכונג פון זייערע לאזונגען בענוייגייע דעם אידישן ארבעטער־לעבן.

אויך צום פאלעסטינע־ברעג האבן גענומען שלאגן עמיגראציע־שטראמען פון אידישע ארבעטס־מענטשן, און מיט דעם אויפשטייג פון א ברייט־פארצווייגטן ווירטשאפטס־לעבן אין לאנד האבן גענומען זיך צייכנען אלץ שארפער קאנטורן פון יענע סאציאלע פארהעלטנישן, וועלכע בילדן אוים פון דעם איינהייטלעכן, קלוימערשט געאייניקט צו געאולע שטרעבענדיקן קלאל־איסראעל באזונדערע קלאסן מיט קעגנגעזעצלעכע אינטערעסן, און ס'רייפן אז וואס ווי־

טער אלץ מער די קלאסן־קאנפליקטן אויפן אויפגעפרישטן באדן פון נאציאנאלן לאנד. דערזעלבער אקער, וואס האט אויפגעאקערט דעם נאטור־באדן פון אלטן היים־לאנד, האט אויך פאר איין וועג אויפגעאקערט דעם סאציאלן באדן פון דעם נייעם היים־לאנד, און דער קלאסן־קאמף פון אידישן פראלעטאריאט איז געווארן דאס געבאט פון דעם זיך אויפבויענדיקן פאלעסטינע.

אין דער ארבעטער־מעלוכע, וואו דער פראלעטאריאט איז צוגעטרעטן צו בויען סאציאליזם, האט ער געמוזט אין קאמף קעגן פועלי ציון אלס פארטיי, אויפנעמען גאנצע טיילן פון פועלי ציוניסטישן פראגראם. די אידסעקציע, וועלכע האט געהאט צו איר רעשוס דעם גאנצן מעלוכע־אפאראט און דעם אומ־בויגזאמען ווילן פון דער סאציאליסטישער מאכט צו געבן אן ענטפער אויף דיווירקלעכע נויטן פון די אידישע מאסן, האט געמוזט, אויף צולאכעס איר גאנצער אייגענער אסימילאטארישער איינשטעלונג, נאכשלעפן זיך נאך די אי־דישע מאסן און לעגאליזירן דאס, וואס יענע האבן אנגעהויבן דורכצופירן אין לעבן אויף אייגענער אכראיעס.

דאס זענען צו דער צייט רייף געווארן יענע טענדענצן, וועלכע פועלי ציון האבן אויפגענומען אין זייער עמבריאנעלן צושטאנד; איצט זענען עס גע־ווארן פולבלוטיקע, מאמאשעסדיקע פראצעסן פון דער קאנקרעטער רעאלער ווירקלעכקייט, מיט וועלכע יעדער איינער האט זיך געמוזט רעכענען פראקטיש, אויב אפילו ער האט זיך נאך געבראקלט און געבליבן איינגעשפארט ביי זיין טעארעטישער קענערשאפט.

אזוי האט זיך אנגעהויבן אויסצוגעשטאלטן די נייע רעוואלוציאנערע פראקטיק, די דינאמיש־אויפגענומענע נייע ווירקלעכקייט, און די פועלי ציון לאזונגען זענען, צוליב זייער קאנקרעטקייט און פולבלוטיקייט, געווארן צו־גיינגלעך און פארשטענדלעך אויך פאר די ברייטע מאסן.

דאס פראבלעם פון דער אידישער ארבעטערשאפט אלס אן אלוועלטלעך פראבלעם, ווי א פראבלעם פארן אינטערנאציאנאלן פראלעטאריאט, איז אוועק־געשטעלט געווארן אויפן סיידער האיאם פונם קעמפנדיקן ארבעטער־קלאס און וועט שוין ניט פארשווינדן ביז עס וועט נישט קריגן זיין איינציק מעגלעכע רע־וואלוציאנערע לעזונג, ווי זי איז פארמולירט דורך פועלי ציון.

פאלעסטינע האט אויפגעהערט צו זיין דער איניען פון באלוקע־אידן, פון קאנגרעס־ציוניסטן און פון אליע־באלוצים, נאר זי ווערט אלץ מער די זאך פון אלוועלטלעכן אידישן פראלעטאריאט.

די בלוטיקע געשעענישן אין פאלעסטינע אין יאר 1929 און די אלגעמיינע פאלעסטינע־פאליטיק פונם בריטישן אימפעריאליזם האבן געצוואונגען אפילע די פאליטיש־אפגעשטאנענסטע עלעמענטן אין דער אידישער ארבעטערשאפט איינצוזען די ריכטיקייט און אומבאדינגטקייט פון דער פועלי ציוניסטישער אריענטאציע בענוגייע פאלעסטינע אויף די אינטערנאציאנאלע רעוואלוציע־קויכעס.

פונקט ווי די אומשיכטונגס־פּראָצעסן פון אידישן לעבן אומעטום ווערן אויפגעבונדן און באַקומען זייער פולן שוואונג אין לאַנד פון ארבעטער־מאַכט, — פונקט אַזוי וועט אויך דער טעריטאָריאַליזירונגס־פּראָצעס פון אידישן לעבן אין פּאַלעסטינע באַקומען זיין שוואונג און פאַרווירקלעכט ווערן אין גאַנצן אומפאַנג אין אַ פרייען אומאָפּהענגיקן פּאַלעסטינע פון ארבעטער און פויערים.

XIV

קאַלזמאַן די פּויאַלי ציעניסטשע אָרגאַניזאַציעס האָבן זיך מער פאַרנומען מיט פּראָפּאַגאַנדע און זיי האָבן מער אַכט געלייגט אויף דער קריטיק פון אַנדערע פּאַרטייען, האָט מען זיך געקענט איינלעבן בעשאַלעם אונטער איין דאַך, מיט די מיינונג־פאַרשידנקייטן אין דעם וועלט־פאַרבאַנד גופא און אפילע מיט די פרייע אויטאָנאָמע האַנדלונגען פון יעדער אָרגאַניזאַציע אין געוויסע פאַלן.

אָבער די יאָרן זענען געגאַנגען. די קאַפּיטאַליסטישע אַנטוויקלונג האָט אַלץ מער צוגעגרייט דעם באָדן פאַר דעם אויפשטייג און זעלבסט דערקענטניש פון די פּראָלעטאַרישע קויכעס, די סטירעס אין דער קאַפּיטאַליסטישער ווירטשאַפט האָבן זיך פאַרטיפט און געבראַכט צו דער וועלט־מילכאָמע. ס'זענען רייף געוואָרן די באַדינגונגען און ס'איז געוואָרן דרינגענדיק דער אויפטריט פון דעם נייעם אויפגייענדיקן קויעך פון דער היינטיקער געזעלשאַפט, דעם אַלוועלט־לעכן פּראָלעטאַריאַט. ס'איז געקומען די צייט פון טאַטן אַנשטאָט ווערטער, דער רעאַלער מאַמאַשעסדיקער קאַמף פאַר סאָציאַליזם האָט זיך אָוועקגעשטעלט ווי אַ דירעקטע טאָג־ אויפגאַבע פון די פּראָלעטאַרישע מאַכנעס און יעדער טייל פון אינטערנאַציאָנאַלן פּראָלעטאַריאַט האָט זיך געמוזט אַנטשיידן אומצווייִדייטיק אויף וועלכער זייט פון דער קלאַסן־באַריקאַדע ער שטעלט זיך אַוועק אין דעם היסטאָרישן צוזאַמענשטויס צווישן ארבעט און קאַפּיטאַל.

דאָס איז געווען דער עווען־נעגעף, אַז וועלכן עס האָט זיך אַנגעשלאָגן די ביז דאַן רואיק שווימענדיקע שיף פון פּויאַלי־ציעניסטישן וועלט־פאַרבאַנד. נאָך אײידער ס'איז געקומען די פאַרמעלע שפּאַלטונג אויף דער 5־טער וועלט־קאָנפערענץ אין ווין אין 1920, איז בוילעט אַנטפּלעקט געוואָרן אין דער עפנטלעכקייט די אינערלאַכע צעריסנקייט פון פאַרבאַנד. בעאַיים איין טייל זיינער האָט מאַרשירט אין אידישע לעגיאָנען צו העלפן דעם בריטישן אימפּעריאַליזם צו שאַפן זיך אַ נייע באַזע אין מיזראַך דורך דעראָבערן דאָס הייליקע לאַנד, ערעץ־איסראָעל, האָט דער צווייטער טייל אונטער די פאַנען פון באָראָכאָוו־באַטאַליאָנען געהאָלפן אויפשטעלן די ערשטע אין דער גאַנצער וועלט פעסטונג פון פּראָלעטאַרישער הערשאַפט און מאַכט אויף די כורוועס פון צאַרישן רוסלאַנד.

בעאַיים איין טייל האָט געיובלט לעקאָוועד דער באַלפור דעקלאַראַציע, וועלכע אַנערקענט די היסטאָרישע רעכט פון אידישן פאָלק אויף ערעץ־איסראָעל, האָבן די פּויאַלי־ציעניסטישע מאַסן־פּאַרטייען אין גאַנץ אייראָפּע זיך געשטעלט אומצווייִדייטיק און אַנטשידן אויפן באָדן פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע און

איבערגעריסן אלע פעדים, וואס האבן זיי געבונדן צו דער אלטער, אונטערגייענ־דיקער וועלט.

איצט אבער איז עס שוין ניט מער געווען קיין מיינונג־אונטערשיד, וואס מען קאן זיך שפארן און טייטשן אזוי און אנדערש דעם זעלבן פאסעק. ס'איז געגאנגען אום לעבן, אום דעם אייגענעם לעבן און אום דעם לעבן פון דער גאנ־צער מענטשלאכער געזעלשאפט. ס'איז געגאנגען אום דעם, אויף וועמען און אויף וואס אריענטירט מען זיך בענויגייע דער צוקונפט פון אידישן ארבעטער קלאס, פון גאנצן אידישן פאלק.

זענען ארויסגעקומען אויף דער אויבערפלאך יענע טיפערע קעגנזאצן, וועל־כע האבן פון טאמיד אן עקזיסטירט ביי די פארשידענע טיילן פון דעם פארבאנד. האט זיך ארויסגעוויזן, אז ס'איז ווינציק צו שטיין אויפן פרינציפ פון אלוועלט־לעכקייט. מען מוז אט דעם פרינציפ אנפילן מיט רעוואלוציאנערן אינהאלט. זענען דאך די אלגעמיינע בירגערלעכע ציעניסטן אויך פאר אלוועלטלעכקייט, אנערקענען דאך די פרומאקעס אויך די גאנצקייט און איינהייט פון אידישן פאלק אומעטום און שטענדיק. און די אלע ציעניסטישע שפראצונגען, ווי די צעירי־ציען און היסאכדעס, האלטן דאך אויך א וועלט פון אט דער אלוועלטלעכקייט: „וואס מיר זענען, זענען מיר — אבער אידן זענען מיר". מיר אלע, ארעם און רייך, פאבריקאנט און ארבעטער, עקספלואטאטאר און עקספלואטירטער.

אין ווין, אויף דער 5־טער וועלט־קאנפערענץ פון פארבאנד, אין יאר 1920, איז פארמולירט געווארן צום ערשטן מאל די אלגעמיינע פאליטישע באזע פאר דער איינשטעלונג און האנדלונג פון אידישן פראלעטאריאט אלס איינהייטלע־כער פראלעטארישער קאלעקטיוו, און ס'איז נאטירלעכערהייט געקומען די שפאלטונג פון דעם וועלט־פארבאנד. מען איז אפילע ניט דערגאנגען צו די פראבלעמען פון אידישן לעבן, צו די פראגן פון פאלעסטינע. דאס האט אן איבעריקס מאל אונטערשטראכן דעם פאקט, אז ביי דער מארקסיסטישער פוי־אליי ציען באוועגונג האט זיך קיינמאל ניט געהאנדלט וועגן פאלעסטינע סטאם און אויך ניט וועגן אן איזאלירטער, אין זיך איינגעשרומפענער אידן־פראגע. סיי דאס פראבלעם פון טעריטאריאליזירונג פונם אידישן לעבן אין פאלעסטינע און סיי די פראגן וועגן אומשיכטונג און פראדוקטיוויזירונג פון די אידישע מאסן אומעטום האבן פויאליי ציען שטענדיק באטראכט אין ארגאנישן צוזאמענהאנג מיט אלע סאציאלע פראבלעמען פון אונזער צייט, אין ליכט פון יענע היסטא־רישע פראצעסן, וועלכע מוזן מיטרייסן אלע שאפנדיקע קויכעס פון דער מענטש־לעכער געזעלשאפט.

אין 1920 האבן די רעכטע, זענענדיק אין א מינדערהייט, פארלאזן די רייען פון דער ארגאניזירטער אלוועלטלעכער פויאליי ציען ארמיי, וועלכע האט זיך אנטשידן אוועקגעשטעלט אויף דעם באדן פון דער אנגעפאנגענער עפאכע פון סאציאלער רעוואלוציע און פארפליכטעט אלע אנגעשלאסענע פארטייען און מיטגלידער צו אן איינהייטלעכער האנדלונג און דיסציפלין.

די וועגן זענען זיך פון דאן אן שארף פאנאנדערגעגאנגען. די רעכטע האבן גענומען א לינקערן וועג: בארג אראפ. פארייניקונג מיט האפועל־הא־צאיר, מיט צעירי־ציון און ענדלעך, צום 25־יאריקן יוביל, די פאראייניקונג מיט „התאחדות": אלץ טיפער אין זומפ פון קליינבירגערלעכקייט, פון קלאל־איס־ראעל, פון ארבעטער־פאראט. ערעץ־איסראעל, דאס גאנצע אידישע פאלק פאר ערעץ־איסראעל און די איינציקע העברייאישע שפראך — דאס זענען געווארן די טרייב־קויכעס פון די רעכטע אין פאלעסטינע און דערפאר אויך אין דער גארער וועלט. זענען זיי געווארן טרייע דינער און אונטערהעלפער פון ענגלישן אימפעריאליזם. דערווארטנדיק די יעשועס פון זיינע הויך־קאמיסארן, גראבן זיי מיט זייער שאוויניסטישער, אנטי־פראלעטארישער פאליטיק אין לאנד א טהאם צווישן די אידישע ארבעטער און אראבישע פראלעטאריער און אויך צווישן דעם קאמף פון אידישע ארבעטער אין דער גארער וועלט און דעם ארבעטנדיקן פאלעסטינע.

די איינציקע צו פייערן דעם יוביל פון דער רעוואלוציאנערער ארגאניזא־ציע פון אלוועלטלעכן פויאלי־ציון פארבאנד זענען געבליבן די מארקסיסטישע לינקע פויאלי־ציון, די טרייע יארשים פון דעם באראכאוויזם אין דער אידי־שער ארבעטער באוועגונג. ניט נאר אין דער טעאריע, נאר דורך זייער פראק־טיק אין אלע לענדער פון אידישן מאסן־יישעוו, אין ראטן־פארבאנד און אין פאלעסטינע, האבן די לינקע פויאלי־ציון דערוויזן דעם רעוואלוציאנערן איינ־האלט פון פראלעטארישן פאלעסטיניזם. טאמיד און אומעטום זענען זיי געווען אין אוואנגארד, אין די פאדערשטע רייען פון די, וואס נעמען אויף מיט דער גאנצער אנטשלאסנקייט דעם קאמף פאר די סאציאלע און נאציאנאלע רעכט פון די אידישע ארבעטער, ניט ווי צעשטויבטע און צעשרויפטע טיילן פון ארטיקן לאנד־פראלעטאריאט, נאר ווי אן איינהייטלעכער און אלוועלטלעכער קאלעק־טיוו. זיי האבן אומעטום געפירט די אידישע פראלעטאריער אין די וועגן פון רעוואלוציע, אבער אויפגעטראטן מיט די שארפסטע מיטלען קעגן דעם רויטן „מאיאפים" און „מאשקיזם" פון די אידעקלעך, וועלכע האבן מוירע געהאט צו אנערקענען די אייגנארטיקייט פון אידישן סאציאל עקאנאמישן פראבלעם, און ארגאניזירן די מאסן־אקטיוויטעט און זעלבסטעטיקייט פון אידישן ארבעטנדיקן פאלק אומעטום; זיי האבן געוועקט ביי די אידישע ארבעטער די פארשטענדניש פארן פראלעטארישן פאלעסטיניזם און מאביליזירט זיין ענערגיע פאר דערגרייכן עקאנאמישע און פאליטישע קאמף־פאזיציע אין פאלעסטינע, אבער באקעמפט אויפן שארפסטן אויפן די פאליטיק פון די רעכטע, וועלכע ווילן דעם אידישן ארבעטער מאקריוו זיין אויפן מיזבייאך פון די קלאסן־אינטערעסן פון אידישן בירגערטום; זיי האבן געפירט אומדערמידלעך דעם קאמף פאר אידיש־אראַ־בישער ארבעטער־סאלידאריטעט אין פאלעסטינע און געזען די איינציקע גא־ראנטיע פאר דער פולער רעאליזירונג פון פראלעטארישן פאלעסטיניזם אין דער אויפריכטונג פון אן אומאפהענגיקער פאלעסטינע פון ארבעטער און פויערים, אבער אן שום פארבאהאלט ארויסגעטראטן מיט געווער אין האנט קעגן די

כוליגאנישע איבערפאלער אויפן אידישן אישעוו, וועלכע זענען געצווינגן געווארן אויפן שטריקל פון אראבישע עקספלואטאטארן און בריטישע אקופאנטן.

די מארקסיסטישע לינקע פועלי־ציון האבן געפירט דעם קאמף פאר די טאג־טעגלעכע נויטן פון די אידישע ארבעטער אומעטום, אין אלע לענדער און זיי פארבונדן מיט די ווייטסטע פערספעקטיוון פון פראלעטארישן ניצאכן, ארייג־פלעכטנדיק אין דעם דאזיקן זיג די דערפילונג פון אלע לעבנס־לאזונגען פון דעם אידישן פראלעטאריאט.

* * *

דער 25-יאריקער יוביל פון וועלט־פארבאנד פועלי־ציון פאלט אוים אין א צייט, ווען די גאנצע קאפיטאליסטישע וועלט איז אויפגעטרייסלט אין איר יע־סאד, ווען קריזיס און הונגער דעקן אויף פאר מיליאנען דעם גרויל פון דער אונטערגייענדיקער ארדנונג און פלאקערן אין זיי אויף דעם הייסן באגער צו א נייער סאציאליסטישער וועלט, וועלכע האט שוין אנגעצונדן איר ראטנפאר־באנדישן שטערן אין דער פינסטערער נאכט פון קאפיטאליסטישן אומקום.

דער 25-יאריקער יוביל פאלט אוים אין א צייט, ווען אויך אין אידישן לעבן זענען בולעט געווארן די אלע פראצעסן, אויף וועלכע פועלי ציון האבן זיך אריענטירט ביי דעם באגינען פון אונזער באוועגונג. מיט אורקראפט ווערן די אידישע מאסן געצוואונגען אויפצונעמען די דרינגלעכקייט פון די פראבלעמען וועגן איבערוואנדערשן זייער לעבן אויף נייע יעסוידעס אומעטום; ביפראט די ווירקלעכקייט אין ראטן פארבאנד און אין פאלעסטינע האט באשטעטיקט די ריכטיקייט פון פועלי־ציוניסטישן פראגנאז און אזוי ארום פארפליכטעט צו פועלי ציוניסטישער אקטיוויטעט אין דער ערנסטער אכראיעספולער צייט.

רופן מיר די אידישע ארבעטער צו פארלאזן דעם זומפ פון אפאטיע און גלייכגילט, צו אפקערן זיך פון די פרעדיקער פון פאראט און מיט פרייד און באַ־גייסטערונג אויפנעמען די לאזונגען פון מארקסיסטישן לינקן פועלי ציוניזם.

אייניק איז דער אינטערנאציאנאלער פראלעטאריאט אין זיין שווערן לעבן און אייניק מוז ער אויפטרעטן אין זיין רעוואלוציאנערן באפרייאונג־קאמף. אייניק איז דער אלוועלטלעכער אידישער ארבעטער אין זיין מארטירער־לעבן, אייניק מוז ער אויפטרעטן אין זיין רעוואלוציאנערן באפרייאונג־קאמף.

ניטא קיין אנדער וועג פאר אים, ווי דער וועג פון אומעטומיקער פראדוק־טיוויזירונג און טעריטאריאליזירונג אין פאלעסטינע. ניטא קיין אנדער מיטל און געווער דערצו, ווי דער געווער פון קלאסן־קאמף.

דער יוביל פון פועלי ציוניסטישן וועלט־פארבאנד דארף דינען ווי א רוף צו די אידישע פראלעטאריער אין דער גארער וועלט אויפצוטרעטן אייניק און געשלאסן צום רעוואלוציאנערן קלאסן־קאמף פאר דער פולער אייגענער סא־

ציאלער און נאציאנאלער באפרייאונג, וועלכע איז איינגעגלידערט ארגאניש אין דעם קאמף און אין ניצאכן פון דער נייער סאציאליסטישער וועלט.

קומען מיר אין יוביל־יאר פון דער פויאליי ציען באוועגונג מיט אונזער טוויע צו די אידישע ארבעטער־מאסן: באנוגנט זיך נישט מיט קיין אויסגע־פליקטע שטיקער פון אונזער פראגראם; זיי זענען אייוורים פון א לעבעדיקן ארגאניזם. דער קויאך פון פויאליי ציעניזם איז אינם גאנצן סיסטעם, אין זיין סינטעטישקייט, אין זיין אידעאלאגישער און פראקטישער דיסציפלין. צוברעקלט נישט און צושטויבט נישט די אידעע פון אידישן ארבעטער־קלאס, ווייל זי איז איינע און אן איינהייטלעכע פארן אידישן און אינטערנאציאנאלן פראלע־טאריאט אין דער גארער וועלט.

נעמט־אויף דעם פויאליי ציעניזם אין זיין גאנצקייט, אין זיין פולער אנט־פלעקונג, ווייל דאס איז די מעכטיקע אנטפלעקונג פון די אופשטייג־קויכעס פון אידישן פראלעטאריאט. וויקלט־אויף די גאנצע פאן, ווייל דאס איז די איינ־ציקע פאן פון רעוואלוציע אין אידישן לעבן, כאפט־אונטער אלע זיין רעוואַ־לוציאנערן הימן, ווייל דאס איז דער איינציקער רעוואלוציאנערער הימן פון באפרייאונג און באנייאונג פון אידישן ארבעטער־פאלק.

576
Fireside Printing Co., 812 W. Van Buren St., Chicago, Ill.
Printed in U.S.A.